# זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ

סֵפֶר

# לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן

הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא, מִי כָּמוֹהוּ מוֹרֶה, הַיּוֹצֵא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מִפִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, נְבוֹן לַחַשׁ וַחֲכַם חֲרָשִׁים. הֲלֹא הוּא כְּבוֹד אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב הָאֱמֶת, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, הַמְפֻרְסָם בְּכָל קַצְוֵי אֶרֶץ וְיָם רְחוֹקִים. שְׁמוֹ קֹדֶשׁ. מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נַחְמָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, מִקְּהִלַּת **בְּרֶסְלֶב**, בְּהָרַב הַוָּתִיק וְחָסִיד, מוֹרֵנוּ הָרַב שִׂמְחָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, בֶּן לְאוֹתוֹ צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן הָארִידֶענְקֶיר זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. וּמִצַּד אִמּוֹ הַצַּדֶּקֶת הַמְפֻרְסֶמֶת בְּשֵׁם טוֹב, מָרַת פֵיגָא זצ״ל. הוּא נִין וָנֶכֶד לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ, רַבָּן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל, קָדוֹשׁ שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב **יִשְׂרָאֵל בַּעַל־שֵׁם־טוֹב** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. יִשְׂמַח אָבִיךָ וְאִמֶּךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ. עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים. בִּזְכוּתָם יָאִיר עָלֵינוּ חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים. וְנִזְכֶּה לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים. חִישׁ קַל מְהֵרָה נָשׁוּב לְצִיּוֹן בִּרְנָנִים. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

עִם פֵּירוּשׁ

## שְׂפָתַי תִּפְתָּח

אִידִישׁ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטְּאֹקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקְטִיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה נִדְפַּס לִזְכוּת

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א
וזוגתו

## אסתר גיטל תחי',

וילדיהם

שלמה ומשפ', אלחנן חיים ומשפ',

מרים העניא זיסל ומשפ',

שמעון ומשפ' ,

נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה,

יוסף, מנחם, יחזקאל, עמרם.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא ויזכו לרות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

# הַקְדָמָה

דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים נא, יז): "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין מויל, "וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַאנְקֶען אוּן לויבְּן. וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט אַלֶעס, אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן לויבְּן. דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע, לויטֶערֶע, רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען הויבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן - עֶפְנְט זִיךְ דִי מויל אוּן מֶען הויבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פֵּירוּשׁ "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוּיפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוֹיט אויף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם גְרויסְן צַדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: שְׂפַת הַנַּחַל, דְרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"שׁ אוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אויף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אַז דִי הַיינְטִיגֶע מֹחוֹת זָאלְן אויךְ הָאבְּן אַ טַעַם אוּן אַ גֶעפִיל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. זֵיי זָאלְן אויךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים אוּיפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

**אִיךְ** הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶוערְט "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיךְ** אִין דִי וָוארְט 'שְׂפָתַי' אִיז דָא דִי וָוארְט 'שְׂפַת' וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׂפַת הַנַחַל" אוּן אִינֶעם אוֹת יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען.

**דֶער** אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארֶעכְטְן אַלֶעם וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵן זַיין; מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין וּ'מֶלֶךְ אֶ'חָד יִ'הְיֶה לְ'כֻלָּם (יְחֶזְקֵאל לז, כב)

# יא

**אֲנִי ה' הוּא שְׁמִי וּכְבוֹדִי לְאַחֵר לֹא אֶתֵּן וּתְהִלָּתִי לַפְּסִילִים** (יְשַׁעְיָהוּ מ"ב):

**א** כִּי יֵשׁ יִחוּדָא עִלָּאָה וְיִחוּדָא תַּתָּאָה, הַיְנוּ: שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, וּבָרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד (זֹהַר בְּרֵאשִׁית יח:), וְכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה נַעֲשֶׂה זֹאת עַל־יָדוֹ, עַל־יְדֵי־זֶה

## סִימָן יא

**דֶער** הייליגֶער רֶבִּי הייבְּט אָן מִיט אַ פָּסוּק אִין יְשַׁעְיָ', עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'אֲנִי ה'' אִיךְ בִּין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, 'הוּא שְׁמִי' דָאס אִיז מַיין נָאמֶען, 'וּכְבוֹדִי לְאַחֵר לֹא אֶתֵּן' אוּן מַיין כָּבוֹד וֶועל אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, 'וּתְהִלָּתִי' אוּן מַיין לוֹיבּ וֶועל אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן – 'לַפְּסִילִים' פַאר דִי אָפְּגֶעטֶער (יְשַׁעְיָהוּ מ"ב, ח).

**גֵייט** יֶעצְט דֶער רֶבִּי זָאגְן אַ גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן נָאכְדֶעם אוֹיסְטַייטְשְׁן מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק:

**א עֶס** אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְגַלֶּה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כִּי יֵשׁ 'יִחוּדָא עִלָּאָה' וְ'יִחוּדָא תַּתָּאָה', עֶס אִיז דָא דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְגַלֶּה אוּן מְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי 'אוֹיבֶּערְשְׁטֶע וֶועלְטְן', אוּן נָאכְדֶעם אִיז דָא דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען טוּט אֵיינְצִיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא 'אוֹיף דִי וֶועלְט', הַיְנוּ דִי צְוֵויי וֶועגְן – 'יִחוּדָא עִלָּאָה' אוּן 'יִחוּדָא תַּתָּאָה' – אִיז דִי צְוֵויי פְּסוּקִים: 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל', וּ'בָרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד', 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל' אוּן 'בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד'; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (זֹהַר בְּרֵאשִׁית יח:): 'בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד יִחוּדָא דִלְתַתָּא, יִחוּדָא עִלָּאָה שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הֲוָיָ"ה אֱלֹקֵינוּ הֲוָיָ"ה אֶחָד'; שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד – דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען טוּט אֵיינְצִיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע וֶועלְטְן, וַוייל דִי דְרַיי שֵׁמוֹת 'הֲוָיָ"ה אֱלֹקֵינ"וּ הֲוָיָ"ה' – אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי דְרַיי וֶועלְטְן: אֲצִילוּת, בְּרִיאָה אוּן יְצִירָה; אַז דִי אַלֶע דְרַיי וֶועלְטְן אִיז אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע כֹּחַ, אוּן קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז 'אֶחָד', אֵיינְס מִיט דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן 'בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה, אוֹיף דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע וֶועלְט, וָואוּ מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ, וְכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל אוּן יֶעדֶער אִיד צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה נַעֲשֶׂה זֹאת עַל יָדוֹ דַארְף זֶען אַז דוּרְךְ אִים זָאל וֶוערְן גֶעאֵיינְצִיגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען אִין אַלֶע וֶועלְטְן, סַיי אִין יִחוּדָא עִלָּאָה – דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע וֶועלְטְן, אוּן סַיי אִין יִחוּדָא תַּתָּאָה – דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע וֶועלְטְן; דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דוּרְךְ טוּן דִי מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן – וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעאֵיינְצִיגְט סַיי אוֹיבְן אוּן סַיי אוּנְטְן, אוּן וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, מִיר זָאגְן דֶעם פָּסוּק: 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל', הָאבְּן מִיר אִינְזִין צוּ אֵיינְצִיגְן אַלֶע דְרַיי וֶועלְטְן – אֲצִילוּת בְּרִיאָה אוּן יְצִירָה, אַז אַלֶעס אִיז אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מִיר זָאגְן: 'בָּרוּךְ שֵׁם

יָכוֹל לָבוֹא לִתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ.

כִּי מִי שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה פְּחוּתָה, הוּא עֲדַיִן רָחוֹק מִתְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה, רַק עַל־יְדֵי אֶמְצָעוּת הַדִּבּוּר יָכוֹל לָבוֹא לִתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁהוּא מְדַבֵּר בְּהַתּוֹרָה בְּדִבּוּרִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ד): "כִּי חַיִּים הֵם לְמוֹצְאֵיהֶם" — 'לְמוֹצִיאֵיהֶם בַּפֶּה' (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, עֵרוּבִין נד.), מֵאִיר לוֹ הַדִּבּוּר בְּכָל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת כב.): 'פְּתַח פִּיךָ וְיָאִירוּ דְּבָרֶיךָ'. וּבְכָל פַּעַם וּפַעַם, עַל־יְדֵי כָּל תְּשׁוּבָה וּתְשׁוּבָה, הוּא הוֹלֵךְ מִמַּדְרֵגָה

כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד' - הָאבְּן מִיר אִינְזִין צוּ אֵיינְצִיגְן דִי עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וואוּ מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עַל יְדֵי זֶה דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט אֵיינְצִיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יָכוֹל לָבוֹא לִתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי טִיפְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**כִּי מִי שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה פְּחוּתָה** וַוייל דֶער וָואס אִיז אִין אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵגָה, **הוּא עֲדַיִן רָחוֹק מִתְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה** אִיז נָאךְ וַוייט פוּן קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, **רַק עַל יְדֵי אֶמְצָעוּת הַדִּבּוּר** נָאר דוּרְךְ רֶעדְן, דָאס מֵיינְט דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - **יָכוֹל לָבוֹא** קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען **לִתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ** צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי טִיפְקַייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, **הַיְנוּ** דָאס מֵיינְט, **עַל יְדֵי שֶׁהוּא מְדַבֵּר בְּהַתּוֹרָה בְּדִבּוּרִים** אַז דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר זָאגְט אַסַאךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין תּוֹרָה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ד, כב): **'כִּי חַיִּים הֵם'** וַוייל לֶעבְּן זֶענֶען דִי דִּבְרֵי תּוֹרָה, **'לְמוֹצְאֵיהֶם'** פַאר דִי וָואס גֶעפִינֶען זֵיי; דַרְשְׁ'נֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אַז דִי וָוארְט 'לְמוֹצְאֵיהֶם' קֶען מֶען אוֹיךְ לֵיינֶען 'לְמוֹצִיאֵיהֶם' 'לְמוֹצִיאֵיהֶם', וָואס דָאס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אַז דִי תּוֹרָה אִיז לֶעבְּן **'לְמוֹצִיאֵיהֶם בַּפֶּה'** פַאר דִי וָואס זָאגְן אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער מִיט דִי מוֹיל, (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אִין מַסֶּכֶת עֵרוּבִין נד.), **מֵאִיר לוֹ הַדִּבּוּר** דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה טוּעֶן אִים לַייכְטְן, **בְּכָל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה** אוּן עֶס טוּט אִים וַוייזְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט מִיט דִי מוֹיל וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, וֶוערְט לִיכְטִיג פַארְן מֶענְטְשׁ, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת כב.): **'פְּתַח פִּיךָ'** עֶפְן אוֹיף דַיין מוֹיל **'וְיָאִירוּ דְּבָרֶיךָ'** אוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועלְן בַּאלַייכְטְן, עֶס וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן. **וּבְכָל פַּעַם וּפַעַם** אוּן אַזוֹי אִיז יֶעדֶע מָאל, **עַל יְדֵי כָּל תְּשׁוּבָה וּתְשׁוּבָה** דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר טוּט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה, **הוּא הוֹלֵךְ** גֵייט עֶר הֶעכֶער **מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה**

לְמַדְרֵגָה, עַד שֶׁיּוֹצֵא מִמַּדְרֵגָה פְּחוּתָה וּבָא לִתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ.

וְזֶה שֶׁשָּׁאֲלוּ יוֹחָנֵי וּמַמְרֵא לְמֹשֶׁה (מְנָחוֹת פה.): 'תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לַעֲפָרַיִם? הֵשִׁיב לָהֶם: אָמְרֵי אֱנָשֵׁי, לְמָתָא יַרְקָא, יַרְקָא שְׁקֹל. 'תֶּבֶן' — זֶה בְּחִינַת תְּבוּנָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ב): "תְּבוּנָה תִנְצְרֶךָּ", שֶׁהֵם הֵבִינוּ שֶׁמֹּשֶׁה רוֹצֶה לְהַכְנִיס תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה בְּיִשְׂרָאֵל, וְעַל כֵּן שָׁאֲלוּ, כִּי בִּזְמַן שֶׁאֵין יִשְׂרָאֵל עוֹשִׂין רְצוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם הֵם מְשׁוּלִים לְעָפָר, וְאֵיךְ יוּכַל לַהֲבִיאָם לְמַדְרֵגָה גְּבוֹהָה,

פון איין מַדְרֵגָה צו אַן אַנְדערע מַדְרֵגָה, עַד שֶׁיּוֹצֵא מִמַּדְרֵגָה פְּחוּתָה ביז ער גייט אַרויס פון די נִידְריגע מַדְרֵגָה וּבָא לִתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ און ער איז זוֹכֶה צו פאַרשְׁטֵיין אַלע טִיפֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה.

וְזֶה יעצט גייט דער רֶבִּי דאס אַריינטַייטְשְׁן אין די ווערטער וואס די הייליגע חֲכָמִים זאגן. ווען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ איז געקומען צו פַּרְעֹה - דערציילט די תּוֹרָה - אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ האט אַראָפּגעוואָרפן די שטעקן און עס איז געוואָרן אַ שְׁלאַנג, שֶׁשָּׁאֲלוּ יוֹחָנֵי וּמַמְרֵא לְמֹשֶׁה האָבן די כִּישׁוּף מאַכערס יוֹחָנֵי און מַמְרֵא געפרעגט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (מְנָחוֹת פה.): 'תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לַעֲפָרַיִם' שְׁטְרוֹי בְּרענגסטו אַריין אין אַ פְּלאַץ וואו מען פאַרקויפט שְׁטְרוֹי? זיי האָבן געמיינט צו פרעגן, וואס איז די קונץ צו מאַכן כִּישׁוּף אין מִצְרַיִם, דאָ אין מִצְרַיִם קענען דאָךְ אַלע מאַכן כִּישׁוּף, ווייל אין מִצְרַיִם איז געווען דאס מערסטע כִּשּׁוּף, הֵשִׁיב לָהֶם האט זיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ געענטפערט: 'אָמְרֵי אֱנָשֵׁי' מענטשן זאָגן: 'לְמָתָא יַרְקָא' אין אַ פְּלאַץ וואו מען פאַרקויפט גרינצייג, 'יַרְקָא שְׁקֹל' זאָלסטו אַהין טראָגן דיינע גרינצייג און זיי דאָרטן פאַרקויפן; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ האָט זיי געענטפערט: טאַקע וועגן דעם קום איך דאָ מאַכן מיינע וואונדער, ווייל דאָ איז די פְּלאַץ וואס מען מאַכט וואונדערליכע זאַכן, ווייל איך ענק ווייזן די וואונדער פון'עם אייבערשטן. דער רֶבִּי גייט מער טיפער 'תֶּבֶן' די וואָרט 'תֶּבֶן' - זֶה בְּחִינַת תְּבוּנָה איז מְרַמֵּז אויף פאַרשְׁטֵיין לערנען, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עס שְׁטֵייט אין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ב, יא): 'תְּבוּנָה תִנְצְרֶךָּ' די פאַרשְׁטאַנְד פון די תּוֹרָה וועט דיךְ אָפְּהִיטְן; זעט מען אַז תֶּבֶן מיינט פאַרשְׁטֵיין תּוֹרָה, שֶׁהֵם הֵבִינוּ זיי - די כִּישׁוּף מאַכערס - האָבן פאַרשְׁטאַנען שֶׁמֹּשֶׁה רוֹצֶה לְהַכְנִיס תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה בְּיִשְׂרָאֵל אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וויל אַריינבְּרענגען אין אידישע קינדער זיי זאָלן פאַרשְׁטֵיין דאס לערנען, וְעַל כֵּן שָׁאֲלוּ וועגן דעם האָבן זיי געפרעגט, כִּי בִּזְמַן שֶׁאֵין יִשְׂרָאֵל עוֹשִׂין רְצוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם לכאורה ווען אידן טוען נישט דעם ווילן פון'עם אייבערשטן הֵם מְשׁוּלִים זענען זיי צוגעגליכן לְעָפָר צו ערד, וואס דאס ווייזט אַז זיי זענען אין אַ נידריגע מַדְרֵגָה, וְאֵיךְ יוּכַל לַהֲבִיאָם לְמַדְרֵגָה גְּבוֹהָה איז ווי אַזוֹי קען מען זיי צוּבְּרענגען צו די הויכע

לְתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה? וְזֶה: 'תֶּבֶן' — לְשׁוֹן תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה, 'אַתָּה מַכְנִים לַעֲפָרַיִם' — זֶה בְּחִינַת עָפָר, הַיְנוּ מַדְרֵגָה פְּחוּתָה. 'הֵשִׁיב לָהֶם: אָמְרֵי אֱנָשֵׁי', הַיְנוּ עַל-יְדֵי הָאֲמִירוֹת, עַל-יְדֵי הַדִּבּוּר שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, הוּא מֵאִיר לוֹ לְכָל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה. וְזֶהוּ: 'לְמָתָא יַרְקָא' — לַמְּקוֹמוֹת שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה. 'יַרְקָא' — הוּא בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ בַּמִּדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה מג): "וַיָּרֶק אֶת חֲנִיכָו" — אוֹרִיקָן בְּפָרָשַׁת שׁוֹפְטִים, הַיְנוּ שֶׁזֵּרְזָם לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים נֶאֱמַר עַל תְּשׁוּבָה: "מִי הָאִישׁ

מַדְרֵגָה, לִתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה צוּ קֶענֶען פַּארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? וְזֶה אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: 'תֶּבֶן' - דָאס אִיז לְשׁוֹן 'תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה' אַ לָשׁוֹן פוּן 'פַּארְשְׁטֵיין תּוֹרָה', 'אַתָּה מַכְנִים' בְּרֶענְגְסְטוּ אַרַיין 'לַעֲפָרַיִם' 'לַעֲפָרַיִם' - זֶה בְּחִינַת דָאס מֵיינְט עָפָר, צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַזוֹי וִוי עֶרְד ['לַעֲפָרַיִם' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'עָפָר', עֶרְד], הַיְנוּ מַדְרֵגָה פְּחוּתָה אִין אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵגָה?! דִי כִּישׁוּף מַאכֶערְס הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: 'וָואס אִיז דַיין פְּלַאן? וִוי אִיז מֶעגְלִיךְ אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה אוּן צוּ תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה, פַּארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען - וֶוען זֵיי זֶענֶען פַּארְזִינְקֶען אִין דִי טוּמְאָה?!' 'הֵשִׁיב לָהֶם' הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: 'אָמְרֵי אֱנָשֵׁי' מֶענְטְשְׁן זָאגְן; אִין דִי וֶוערְטֶער: 'אָמְרֵי אֱנָשֵׁי' לִיגְט בַּאהַאלְטְן דִי סוֹד וִוי אַזוֹי אַ אִיד וָואס אִיז פַּארְזִינְקֶען אִין טוּמְאָה - קֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵייִן פוּן דִי טוּמְאָה אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט עַל יְדֵי הָאֲמִירוֹת דוּרְךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; עַל יְדֵי הַדִּבּוּר שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי דוּרְכְדֶעם וָואס אַ אִיד נִיצְט זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה הוּא מֵאִיר לוֹ וֶועט אִים דִי תּוֹרָה לִיכְטִיג מַאכְן לְכָל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער וואו עֶר דַארְף פַארֶערְכְטְן. וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער: 'לְמָתָא יַרְקָא' - לַמְּקוֹמוֹת שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַלֶע פְּלֶעצֶער וואו עֶר דַארְף פַארֶערְכְטְן. דִי וָוארְט 'יַרְקָא' 'יַרְקָא' - הוּא בְּחִינַת 'תְּשׁוּבָה' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף 'תְּשׁוּבָה', כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ בַּמִּדְרָשׁ אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה מג, ב): אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית יד, יד): 'וַיָּרֶק אֶת חֲנִיכָו' אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט בַּאוָואפְנְט זַיינֶע יוּנְגֶע, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: 'אוֹרִיקָן בְּפָרָשַׁת שׁוֹפְטִים' עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעגְרֵייט מִיט דִי פַּרְשָׁה פוּן שׁוֹפְטִים, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט שֶׁזֵּרְזָם לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶועזְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, כִּי פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים ווייל אִין פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים נֶאֱמַר עַל תְּשׁוּבָה שְׁטֵייט דִי זַאךְ פוּן תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דֶער גֶענֶערַאל וָואס פִירְט אָן דִי מִלְחָמָה, אֵיידֶער מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין אַ מִלְחָמָה

הַיָּרֵא וְרַךְ הַלֵּבָב" — 'הַיָּרֵא מֵעֲבֵרוֹת שֶׁבְּיָדוֹ' (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, סוֹטָה מג). וְזֶהוּ: 'אָמְרֵי אֱנָשֵׁי, לְמָתָא יַרְקָא', הַיְנוּ עַל־יְדֵי הָאֲמִירוֹת וְהַדִּבּוּר שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, 'לְמָתָא יַרְקָא' — לַמְּקוֹמוֹת שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה יָאִיר לוֹ הַדִּבּוּר, שֶׁיּוּכַל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה. וְזֶה: 'יַרְקָא שְׁקַל' — בְּחִינַת תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל, שֶׁהַדִּבּוּר יָאִיר לוֹ שֶׁיּוּכַל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל מַמָּשׁ:

פְרֶעגְט עֶר (דְּבָרִים כ, ח): 'מִי הָאִישׁ הַיָּרֵא וְרַךְ הַלֵּבָב' וֶוער צְווִישְׁן עֶנְק אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס פָארְכְט זִיךְ אוּן הָאט אַ ווֵייכֶע הַארְץ, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן מִלְחָמוֹת - זָאל צוּרִיק אַהֵיים גֵיין אוּן נִישְׁט מִיט קוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן אוּן דֶערְשְׁרֶעקְן דִי אַנְדֶערֶע אִידְן, דַרְשְׁ'עֶנֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, דִי וֶוערְטֶער: 'הַיָּרֵא וְרַךְ הַלֵּבָב' דָאס מֵיינְט מֶען 'הַיָּרֵא מֵעֲבֵרוֹת שֶׁבְּיָדוֹ' דֶער וָואס הָאט מוֹרָא וַוייל עֶר הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת - זָאל תְּשׁוּבָה טוּן (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אִין מַסֶּכֶת סוֹטָה מג). וְזֶהוּ אוּן דָאס לִיגְט אִין דִי וֶוערְטֶער: 'אָמְרֵי אֱנָשֵׁי, לְמָתָא יַרְקָא', הַיְנוּ עַל יְדֵי הָאֲמִירוֹת וְהַדִּבּוּר שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - אִיז מֶען זוֹכֶה 'לְמָתָא יַרְקָא' לַמְּקוֹמוֹת שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה אַז אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער וואו דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארְרֶעכְטְן - יָאִיר לוֹ הַדִּבּוּר וֶועט אִים דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לִיכְטִיג מַאכְן, אוּן אִים הֶעלְפְן שֶׁיּוּכַל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה אַז עֶר זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן. וְזֶה אוּן דָאס לִיגְט אִין דִי וֶוערְטֶער: 'יַרְקָא שְׁקַל', בְּחִינַת דָאס מֵיינְט מֶען תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל מֶען טוּט תְּשׁוּבָה פִּינְקְטְלִיךְ אוֹיף וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל דִי אוֹתִיּוֹת 'שְׁקַל' אִיז דִי זֶעלְבֶּע שֹׁרֶשׁ וִוי דִי ווָארְט 'הַמִּשְׁקָל', שֶׁהַדִּבּוּר אַז דָאס זָאגְן וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה יָאִיר לוֹ טוּט אִים לִיכְטִיג מַאכְן, שֶׁיּוּכַל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל מַמָּשׁ אַז עֶר זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן.

[דֶערְפַאר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי פַארְזִינְקֶען אִין דִי טוּמְאָה, דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן בִּיז דֶער עֶרְד, דוּ בִּיסְט אֵיין שְׁטִיק בְּלָאטֶע, 'עֲפָרַיִם' מַמָּשׁ, זָאלְסְטוּ וִויסְן, אַז דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוֹיךְ פַאר דִיר אַן עֵצָה אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי טוּמְאָה אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; דִי עֵצָה אִיז אַז דוּ זָאלְסְט דִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא אוּן מִשְׁנָיוֹת, אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה, פוּן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען - 'אָמְרֵי אֱינָשֵׁי' זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): 'אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן', אֲפִלּוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָׁה, זֵיי טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן

זַיי זֶענֶען שׁוֹין אַראָפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, 'אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם'; פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאךְ, אִיז דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס קֶען זַיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעווֹאוֹינְהֵייטְן, וָואס זַיי הָאבְּן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, 'וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה'; אוּן אוֹיבּ וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כָּךְ וְכָךְ', דָאס הֵייסְט: אַ בַּאשְׁטִימְטֶע מָאס תּוֹרָה, אוּן עֶר וֶועט דָאס אָנְהַאלְטְן מִיט אַ פֶּעסְטְקַייט, זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל זַיין, 'בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, 'כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד' ווייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט – 'אָמְרֵי אִינְשֵׁי' זָאג וַוייטֶער דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, בִּיז דוּ וֶועסְט צוּקוּמֶען צוּ 'תֶּבֶן', צוּ 'תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה', אוּן דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.]

**ב אַךְ** לַדִּבּוּר שֶׁיָּאִיר לוֹ אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת, כִּי אִם עַל-יְדֵי כָּבוֹד, הַיְנוּ שֶׁיִּרְאֶה שֶׁיִּהְיֶה כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּשְׁלֵמוּת, שֶׁיִּהְיֶה כְּבוֹדוֹ לְאַיִן נֶגֶד כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הַיְנוּ עַל-יְדֵי עֲנָוָה וְקַטְנוּת. כִּי עִקַּר בְּחִינַת הַדִּבּוּר הוּא מִכָּבוֹד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים כ"ד): "מִי הוּא זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד", הַיְנוּ מַלְכוּת פֶּה.

**ב אַךְ** לַדִּבּוּר שֶׁיָּאִיר לוֹ אָבֶּער כְּדֵי אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זוֹכֶה זַיין אַז וֶוען עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה, זָאל אִים דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר זָאגְט לִיכְטִיג מַאכְן אוּן ווייזְן וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן, **אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת** צוּ דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין, **כִּי אִם** עַל יְדֵי כָּבוֹד נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִינְזִין בְּלוֹיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַיְנוּ שֶׁיִּרְאֶה שֶׁיִּהְיֶה כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּשְׁלֵמוּת אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן קֵיין שׁוּם כָּבוֹד פַאר זִיךְ, נָאר שְׁטֶענְדִיג זוּכְן ווִי מֶען קֶען גְרוֹיס מַאכְן דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁיִּהְיֶה כְּבוֹדוֹ לְאַיִן נֶגֶד כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זִיךְ, הַיְנוּ עַל יְדֵי עֲנָוָה וְקַטְנוּת דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; נָאר דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה אַז זַיינֶע דִבּוּרִים וֶועט אִים לִיכְטִיג מַאכְן. **כִּי עִקַּר בְּחִינַת הַדִּבּוּר הוּא מִכָּבוֹד** ווייל דִי גַאנְצֶע כֹּחַ פוּן קֶענֶען רֶעדְן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כ"ד, י): **'מִי הוּא זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד'** וֶוער אִיז דֶער מֶלֶךְ הַכָּבוֹד? עֶנְטְפֶערְט דֶער פָּסוּק: 'יְהוָ"ה צְבָקוֹת הוּא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד', זֶעט מֶען אַז 'כָּבוֹד' אִיז אֵיינְס מִיט 'מַלְכוּת', אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמַת תִּיקוּנֵי זוֹהַר, פָּתַח אֵלִיָּהוּ): **הַיְנוּ מַלְכוּת פֶּה** אַז דִי 'מוֹיל' אִיז דִי סְפִירָה פוּן 'מַלְכוּת', אוּן אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם אִין 'מַלְכוּת', מֶען זוּכְט נִישְׁט דִי 'כָּבוֹד פוּנֶעם

**כִּי כְּשֶׁהַתּוֹרָה בָּאָה לְתוֹךְ דִּבּוּרִים פְּגוּמִים, לְפֶה פָּגוּם, לֹא דַי שֶׁאֵין דִּבּוּרֵי הַתּוֹרָה מְאִירִים לוֹ, כִּי אִם גַּם הַתּוֹרָה עַצְמָהּ נִתְגַּשֵּׁם וְנִתְחַשֵּׁךְ שָׁם מִפִּיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (יְהוֹשֻׁעַ א): **"לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ", בְּחִינַת "וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ"** (שְׁמוֹת י), **הַיְנוּ שֶׁלֹּא יִתְגַּשְּׁמוּ וְיִתְחַשְּׁכוּ מִפִּיךָ, כִּי עַל־יְדֵי**

אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט דִי כָּבוֹד פַאר זִיךְ – גֵייט דִי פְּגָם צוּ דִי 'מוֹיל', מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין דִּבּוּרִים; **כִּי כְּשֶׁהַתּוֹרָה בָּאָה לְתוֹךְ דִּבּוּרִים פְּגוּמִים** וַוייל ווֶען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט דִי כַּוָּונָה צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד, עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט גַּאֲוָה – ווֶערְן דִי ווֶערְטֶער פֶעלֶערְדִיג, וַוייל דִי תּוֹרָה גֵייט אַרַיין **לְפֶה פָּגוּם** צוּ אַ פֶעלֶערְדִיגֶע מוֹיל, און דֶעמָאלְט **לֹא דַי שֶׁאֵין דִּבּוּרֵי הַתּוֹרָה מְאִירִים לוֹ** נִישְׁט נָאר אַז דִי ווֶערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה ווֶעט אִים נִישְׁט לִיכְטִיג מַאכְן דִי ווֶעג עֶר זָאל ווִיסְן וואוּ עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן און ווָאס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן, **כִּי אִם גַּם הַתּוֹרָה עַצְמָהּ** נָאר אוֹיךְ דִי תּוֹרָה ווָאס עֶר לֶערְנְט, **נִתְגַּשֵּׁם** ווֶערְט פַארְגְרֶעבְּט, **וְנִתְחַשֵּׁךְ שָׁם מִפִּיו** און עֶס ווֶערְט פַארְטוּנְקְלְט דָארְט בַּיי אִים; עֶר בְּרֶענְגְט אַ רְאָיֶ' צוּ דֶעם, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְהוֹשֻׁעַ א, ח), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, נָאכְדֶעם ווָאס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן און יְהוֹשֻׁעַ אִיז גֶעוָוארְן דֶער מַנְהִיג פוּן דִי אִידְן: **'לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ'** עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּטוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן דַיין מוֹיל, זָאלְסְט אִיר שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען; דֶער רֶבִּי גֵייט דָא מֶער טִיפֶער און טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם פָּסוּק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, יֶעצְט ווֶען דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן דֶער מַנְהִיג פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל און דוּ בַּאקוּמְסְט

אַסַאךְ כָּבוֹד: **'לֹא יָמוּשׁ'** זָאלְסְטוּ נִישְׁט מְגֻשָּׁם זַיין און טוּנְקְל מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – **'מִפִּיךָ'** דוּרְךְ דַיין מוֹיל; זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דַיין מוֹיל זָאל נִישְׁט ווֶערְן פֶעלֶערְדִיג דוּרְכְן נֶעמֶען דִי כָּבוֹד פַאר זִיךְ, וַוייל דֶעמָאלְט ווֶעט דִי תּוֹרָה דִיר נִישְׁט לִיכְטִיג מַאכְן; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיֶ' אַז דִי ווָארְט 'יָמוּשׁ' טַייטְשְׁט מַמָּשׁוּת און חוֹשֶׁךְ, אַ זַאךְ ווָאס מֶען קֶען אָנְכַאפְּן, און פַארְטוּנְקְלְט, **בְּחִינַת** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּיי דִי מַכָּה פוּן חוֹשֶׁךְ ווָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דִי מִצְרִיִּים: **'וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ'** (שְׁמוֹת י, כא) מֶען הָאט גֶעקֶענְט טַאפְּן דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, **הַיְנוּ** זֶעט מֶען אַז דִי טַייטְשׁ פוּן 'יָמוּשׁ' אִיז 'מְגֻשָּׁם און טוּנְקְל', דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: **'לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ'** – **שֶׁלֹּא יִתְגַּשְּׁמוּ וְיִתְחַשְּׁכוּ מִפִּיךָ** זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי תּוֹרָה זָאל נִישְׁט מְגֻשָּׁם ווֶערְן און טוּנְקְל ווֶערְן דוּרְךְ דַיין מוֹיל; וַוייל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אֵיין שְׁטִיק רוּחָנִיּוּת, און נָאר אַז מֶען הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, מֶען זוּכְט נִישְׁט קֵיין כָּבוֹד, מֶען זוּכְט נָאר דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי תּוֹרָה שַׁיינְט און מַאכְט לִיכְטִיג פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶס ווַייזְט אִים דִי ווֶעג ווִי אַזוֹי צוּ ווֶערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס און עֶר לֶערְנְט

כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד, וֶוערְט דִי תּוֹרָה מְגֻשָּׁם אוּן טוּנְקֶל אוּן עֶס שַׁיינְט אִים נִישְׁט, כִּי עַל יְדֵי וַוייל דוּרְכְדֶעם **שֶׁאֵין מַשְׁגִּיחִין** וָואס מֶען זוֹכְט נִישְׁט **שֶׁיִּהְיֶה כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בִּשְׁלֵמוּת** אַז דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זַיין גַאנְץ, **הַיְנוּ עַל יְדֵי גַּדְלוּת** אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה זִיךְ צוּ הַאלְטְן גְרוֹיס – **עַל יְדֵי זֶה אֵין יְכוֹלִין לִפְתֹּחַ פֶּה** דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, מֶען פַארְלִירְט דֶעם דִיבּוּר, **בִּבְחִינַת** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים י"ז, י): 'חֶלְבָּמוֹ סָגְרוּ' זֵייעֶר פֶּעטְס הָאט פַארְמַאכְט זֵייעֶר הַארְץ אוּן אוֹיגְן, דֶערְפַאר 'פִּימוֹ דִּבְּרוּ בְגֵאוּת' רֶעדְט זֵייעֶר מוֹיל מִיט גַּאֲוָה; טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: 'סָגְרוּ פִּימוֹ' דִי מוֹיל אִיז פַארְמַאכְט; פַארְוָואס אִיז דִי מוֹיל פַארְמַאכְט? 'דִּבְּרוּ בְגֵאוּת' וַוייל מֶען רֶעדְט מִיט גַּאֲוָה.

> שֶׁאֵין מַשְׁגִּיחִין שֶׁיִּהְיֶה כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בִּשְׁלֵמוּת, הַיְנוּ עַל-יְדֵי גַּדְלוּת, עַל-יְדֵי-זֶה אֵין יְכוֹלִין לִפְתֹּחַ פֶּה, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים י"ז): "סָגְרוּ פִּימוֹ דִּבְּרוּ בְגֵאוּת"; כְּמַעֲשֶׂה דְּלֵוִי בַּר סִיסָא, שֶׁהֶעֱלוּהוּ לַבִּימָה, וְטָפַּת רוּחוֹ עָלָיו, וְלֹא אֲנִיבוּן (יְרוּשַׁלְמִי יְבָמוֹת פֶּרֶק יב).

[דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וֶוען זֵיי פְּלֶעגְן רֶעדְן צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶרֶע דִּבּוּרִים זֵייעֶר לִיכְטִיג גֶעמַאכְט, יֶעדֶער וָואס הָאט גֶעהֶערְט זֵייעֶרֶע דְרָשׁוֹת – וִוי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן אוּן מְיוּאָשׁ מֶען אִיז גֶעוֶוען – אִיז מֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט, מֶען אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען נָאכְן הֶערְן זֵייעֶרֶע דִּבּוּרִים גָאר אַנְדֶערְשׁ וִוי מֶען אִיז גֶעקוּמֶען, עֶס אִיז יֶעדְן אֵיינֶעם לִיכְטִיג גֶעוָוארְן, דִי צַדִּיקִים הָאבְּן לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן, אוּן גֶעוִויזְן דִי וֶועג צוּ תְּשׁוּבָה; זֵייעֶר גַאנְצֶע כֹּחַ אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל דִי צַדִּיקִים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן זִיךְ, וַוייל וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל אִין זַיינֶע אוֹיגְן אוּן צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר – שַׁיינְט אוּן לַייכְט זַיינֶע דִּבּוּרִים מֶער אוּן מֶער.]

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס פַארְלִירְט עֶר דֶעם כֹּחַ הַדִּבּוּר, **כְּמַעֲשֶׂה דְּלֵוִי בַּר סִיסָא**, אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה מִיט לֵוִי בַּר סִיסָא, **'שֶׁהֶעֱלוּהוּ לַבִּימָה'** וָואס מֶען הָאט אִים גֶעבּוֹיט אַ גְרוֹיסֶע בִּימָה, **'וְטָפַּת רוּחוֹ עָלָיו'** אוּן עֶר הָאט זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן, **'וְלֹא אֲנִיבוּן'** אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דִי שְׁאֵלוֹת וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, עֶר הָאט אַלֶעס פַארְגֶעסְן, [דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן, דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט סִימוֹנְיָא הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאל זַיין דֶער דַיָּין, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוּן דֶער מְלַמֵּד פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן לֵוִי בַּר סִיסִי, אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט פַאר אִים אַ גְרוֹיסֶע קַבָּלַת פָּנִים, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען מִיט אַ טַעֲנָה צוּ רֶבִּי אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועם עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן וַוייסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, עֶר קֶען נִישְׁט

**כִּי עַל־יְדֵי הַגֵּאוּת, הוּא בְּחִינַת עֲבוֹדַת אֱלִילִים, וּבַעֲבוֹדַת אֱלִילִים כְּתִיב: "פְּסִילֵי אֱלֹהֵיהֶם תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ"** (דְּבָרִים ז), **'וְכָל הָעוֹמֵד לִשְׂרֹף כְּשָׂרוּף דָּמֵי, וְכִתּוּתֵי מְכִתַּת שִׁעוּרֵהּ', כַּמּוּבָא בַּגְּמָרָא** (רֹאשׁ־הַשָּׁנָה כח.) **לְעִנְיַן שׁוֹפָר שֶׁל עֲבוֹדַת אֱלִילִים; וְכֵיוָן שֶׁמְּכֻתֶּתֶת כְּתִית שִׁעוּרֵהּ, אֵין לוֹ כְּלֵי הַדִּבּוּר לְדַבֵּר עִמָּהֶם.**

רֶעדְן, אוּן וֶוען רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס הָאט פַּאסִירְט, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: 'מֶען הָאט מִיר גֶעבּוֹיט אַ גְרוֹיסֶע בִּימָה, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן'] (יְרוּשַׁלְמִי יְבָמוֹת פֶּרֶק יב, הֲלָכָה ו), זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דוּרְךְ גַּאֲוָה פַארְלִירְט מֶען דֶעם כֹּחַ הַדִּבּוּר.

**כִּי עַל יְדֵי הַגֵּאוּת** וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, **הוּא בְּחִינַת עֲבוֹדַת אֱלִילִים** אִיז דָאס אַזוֹי וְוי דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ד:): 'כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ גַּסּוּת הָרוּחַ כְּאִילּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה', יֶעדֶער וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אִיז כְּאִילּוּ עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; וַוייל מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דִי כָּבוֹד פַאר זִיךְ, עֶר הַאלְט אַז זַיינֶע טַאלַאנְטְן אוּן זַיינֶע פֶעאִיגְקֵייטְן אוּן זַיינֶע הַצְלָחוֹת קוּמְט פוּן אִים, מִיט דֶעם טוּט עֶר לֵייקֶענֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער – עֶר גֶעבְּט דִי כֹּחַ, דִי חָכְמָה, דִי הַצְלָחָה אוּן דִי פֶעאִיגְקֵייטְן. **וּבַעֲבוֹדַת אֱלִילִים כְּתִיב** אוּן בַּיי עֲבוֹדָה זָרָה שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: '**פְּסִילֵי אֱלֹהֵיהֶם תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ**' (דְּבָרִים ז, ה) דִי גֶעטְשְׁקֶעס זָאל מֶען פַארְבְּרֶענֶען אִין פֵייעֶר, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: '**וְכָל הָעוֹמֵד לִשְׂרֹף**' יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֵייט צוּ וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט – '**כְּשָׂרוּף דָּמֵי**' אִיז שׁוֹין אַזוֹי וְוי עֶס אִיז פַארְבְּרֶענְט, '**וְכִתּוּתֵי מְכִתַּת שִׁעוּרֵהּ**' עֶס אִיז שׁוֹין צֶעשְׁטוֹיסְן אוּן צֶעבְּרֶעקֶלְט, אוּן מֶען קוּקְט אָן דִי זַאךְ אַזוֹי וְוי עֶס אִיז מֶער נִישְׁטָא, **כַּמּוּבָא בַּגְּמָרָא** אַזוֹי וְוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כח.) **לְעִנְיַן שׁוֹפָר שֶׁל עֲבוֹדַת אֱלִילִים** אַז אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעהֶערְט שׁוֹפָר בְּלָאזְן פוּן אַ שׁוֹפָר וָואס אַ אִיד הָאט גֶעדִינְט צוּ דֶעם עֲבוֹדָה זָרָה הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען; וַוייל אַ שׁוֹפָר דַארְף הָאבּ אַ שִׁיעוּר, אוּן דִי שִׁיעוּר פוּן אַ כָּשֵׁר'עַ שׁוֹפָר אִיז, מֶען זָאל קֶענֶען הַאלְטְן דֶעם שׁוֹפָר אִין דִי הַאנְט אוּן עֶס זָאל זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעקְן פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, אוּן וִויבַּאלְד מֶען דַארְף פַארְבְּרֶענֶען דִי שׁוֹפָר, אִיז דָאס שׁוֹין אַזוֹי וְוי פַארְבְּרֶענְט אוּן עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין שִׁיעוּר; קוּמְט אוֹיס אַז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דֶעם בַּעַל גַּאֲוָה, וִויבַּאלְד עֶר אִיז אַזוֹי וְוי עֲבוֹדָה זָרָה וָואס מֶען דַארְף פַארְבְּרֶענֶען, **וְכֵיוָן שֶׁמְּכֻתֶּתֶת כְּתִית שִׁעוּרֵהּ** אִיז עֶר צֶעשְׁטוֹיסְן אוּן צֶעבְּרֶעקֶלְט אִינְגַאנְצְן, עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא, **אֵין לוֹ כְּלֵי הַדִּבּוּר לְדַבֵּר עִמָּהֶם** הָאט עֶר נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ רֶעדְן.

[דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן לֵוִי בַּר סִיסִי אוּן אוֹיךְ דִי רְאָיָ' פוּנֶעם שׁוֹפָר, מִיט דֶעם לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דְּרָשׁוֹת אָדֶער אַז עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט תַּלְמִידִים, אוּן עֶר וִויל אַז זַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן אוֹיפְטוּן, עֶס זָאל לִיכְטִיג

מאכְן און ווייזְן פַאר די תַּלְמִידִים די וֶועג ווי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף עֶר אַלֵיין זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל זִיךְ אָנְקוּקְן ווי אַ שׁוֹפָר, וָואס דֶער שׁוֹפָר טְרָאגְט סַךְ הַכֹּל אַרִיבֶּער דֶעם קוֹל; עֶר זָאל וויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר רֶעדְט, אַלֶע זַיינֶע דִּבּוּרִים, זַיינֶע טַאלַאנְטְן און זַיינֶע פֶעאִיגְקֵייטְן - דָאס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר איז נָאר דֶער שָׁלִיחַ, עֶר איז דֶער שׁוֹפָר וָואס גִיבְּט אַרוֹיס דֶעם קוֹל, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין און זַיינֶע דִּבּוּרִים וֶועלְן שַׁיינֶען און לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָבֶּער אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם עֶר מַאכְט פוּן זִיךְ אַ מְצִיאוּת, עֶר נֶעמְט די גַאנְצֶע כָּבוֹד פַאר זִיךְ - אִיז דָאס אַזוֹי ווי עֲבוֹדָה זָרָה, און אַזוֹי ווי בַּיי אַ שׁוֹפָר פוּן עֲבוֹדָה זָרָה דַארְף מֶען דָאס פַארְבְּרֶענֶען, און עֶס איז כְּאִילוּ שׁוֹין פַארְבְּרֶענְט, אַזוֹי אוֹיךְ קֶענֶען זַיינֶע דִּבּוּרִים נִישְׁט לִיכְטִיג מַאכְן, עֶס קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט הֶעלְפְן].

**אַךְ כְּשֶׁהוּא נִזְהָר וְשׁוֹמֵר כְּבוֹד הַשֵּׁם שֶׁיִּהְיֶה בִּשְׁלֵמוּת, שֶׁהוּא נִבְזֶה בְּעֵינָיו נִמְאָס, עַל-יְדֵי-זֶה יוּכַל לְדַבֵּר דִּבּוּרִים הַמְּאִירִים, בִּבְחִינַת** (יְחֶזְקֵאל מ"ג): **"וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבוֹדוֹ",**

**אַךְ כְּשֶׁהוּא נִזְהָר וְשׁוֹמֵר כְּבוֹד הַשֵּׁם שֶׁיִּהְיֶה בִּשְׁלֵמוּת** אָבֶּער אַז עֶר היט און עֶר גִיבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף די כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז די כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל גְרוֹיס וֶוערְן, ווי אַזוֹי? דוּרְכְדֶעם **שֶׁהוּא נִבְזֶה בְּעֵינָיו נִמְאָס** אַז עֶר איז פַארְשֶׁעמְט אין זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר איז צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, און אֲפִילוּ עֶר הָאט אַ כֹּחַ הַדִּבּוּר קוּקְט עֶר זִיךְ אָן אַזוֹי ווי דֶער שׁוֹפָר וָואס אֵיינֶער בְּלָאזְט אין אִיהם, **עַל יְדֵי זֶה יוּכַל לְדַבֵּר דִּבּוּרִים הַמְּאִירִים** דוּרְכְדֶעם קֶען עֶר רֶעדְן לִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער, עֶר קֶען אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אַ לִיכְטִיגְקֵייט אין אַלֶע הֶערְצֶער וָואס הֶערְן אִים אוֹיס, ווַייל ווען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל, און עֶר ווֵייסְט בֶּאֱמֶת ווי ווַייט עֶר איז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר איז בַּיי זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, און אֲפִילוּ עֶר רֶעדְט דְרָשׁוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הַאלְט עֶר זִיךְ אַזוֹי ווי אַ שׁוֹפָר, אַז דָאס הָאט נִישְׁט מִיט זַיין אֵייגֶענֶע כֹּחַ, אֵיינֶער דַארְף אַרֵיינְבְּלָאזְן אִינֶעם שׁוֹפָר - אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דִּבּוּרִים הַמְּאִירִים, זַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרֵיין אין אַלֶע הֶערְצֶער, **בִּבְחִינַת** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל מ"ג, ב), ווען יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט גֶעזֶען די מַעֲשֶׂה מֶרְכָּבָה, הָאט עֶר גֶעזֶען: **'וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבוֹדוֹ'** אַז עֶס איז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן די גַאנְצֶע עֶרְד פוּן די כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווַייל בֶּאֱמֶת אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט עֶס נִישְׁט - דָאס קוּמְט פוּן גַּאֲוָה, ווַייל ווען מֶען נֶעמְט די כָּבוֹד פַאר זִיךְ, וֶוערְט מֶען אַזוֹי ווי אַן עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה, עֶס איז אִים טוּנְקְל און עֶר מַאכְט טוּנְקְל פַאר אַנְדֶערֶע, אָבֶּער ווען מֶען נֶעמְט אַרֵיין אין זִיךְ אַז עֶס איז נִישְׁתָּא קֵיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט וֶוערְט לִיכְטִיג,

וְהֵם מְאִירִים לוֹ לְתְשׁוּבָה און אַלֶע זַיינֶע דִּבּוּרִים מַאכְן לִיכְטִיג און עֶס וַוייזְט די וֶועג ווי אַזוֹי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, **וְיָכוֹל לָבוֹא לִתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ** און מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין און צוּ מַשִּׂיג זַיין אַלֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת א).

**וְהֵם מְאִירִים לוֹ לִתְשׁוּבָה, וְיָכוֹל לָבוֹא לִתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ כַּנַּ"ל:**

**ג וְכָבוֹד בִּשְׁלֵמוּת, אֵינוֹ כִּי אִם עַל־יְדֵי וָא"ו שֶׁיַּמְשִׁיךְ לְתוֹכָהּ, כִּי בְּלֹא וָא"ו נִשְׁאָר כְּבַד פֶּה (ה), וְעַל־יְדֵי וָא"ו הוּא בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים ל): "כָּבוֹד וְלֹא**

ג **בִּיז** אַהֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז דֶער וָואס זוּכְט נָאר די כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אִיז זוֹכֶה צוּ לִיכְטִיגֶע דִּבּוּרִים; יֶעצְט גֵייט דֶער רֶבִּי צוּלֵייגְן אַז דָאס גֵייט נָאר מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית.

**וְכָבוֹד** בִּשְׁלֵמוּת און אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ מְבַטֵּל זַיין אִינְגַאנְצְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און גֶעבְּן די גַאנְצֶע כָּבוֹד נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אַז זַיינֶע ווערְטֶער וֶועלְן אִים שַׁיינֶען, **אֵינוֹ כִּי אִם עַל יְדֵי וָא"ו שֶׁיַּמְשִׁיךְ לְתוֹכָהּ** צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ די אוֹת ו'; די אוֹת ו' דָאס מֵיינְט מֶען שְׁמִירַת הַבְּרִית, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, **כִּי בְּלֹא וָא"ו** ווייל אָן שְׁמִירַת הַבְּרִית הָאט מֶען נִישְׁט די ו', און אַז מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם ו' פוּן די ווָארְט כָּבוֹד, **נִשְׁאָר כְּבַד פֶּה** לֵיינְט זִיךְ עֶס 'כְּבַד', אַזוֹי ווי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ רֶעדְן, הָאט עֶר גֶעניצְט דֶעם לָשׁוֹן 'כְּבַד פֶּה' אָן אַ ו', און גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ד, י): 'כִּי כְבַד פֶּה וּכְבַד לָשׁוֹן אָנֹכִי', [ווייל מִיט אַ שְׁוֶוער מוֹיל און מִיט אַ שְׁוֶוערֶע צִינְג בִּין אִיךְ, אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן]; ווייל אַז מֶען הָאט נִישְׁט די אוֹת ו', מֶען הַאלְט נִישְׁט בַּיי שְׁמִירַת הַבְּרִית - פַארְלִירְט מֶען דֶעם מוֹיל, מֶען בְּלַייבְּט מִיט אַ כְּבַד פֶּה, **וְעַל יְדֵי וָא"ו** אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ די אוֹת ו', **הוּא** וֶוערְט פוּן כְּבַד פֶּה - **בִּבְחִינַת** וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל, יג): 'לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ **כָבוֹד, וְלֹא** יִדֹּם' [כְּדֵי עֶס זָאל צוּ דִיר זִינְגֶען מַיין כָּבוֹד – וָואס דָאס אִיז מַיין נְשָׁמָה, זִי זָאל דִיךְ לוֹיבְּן און נִישְׁט שְׁווייגְן]; אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִינְזִין די כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זוֹכֶה: 'וְלֹא יִדֹּם', אַז עֶר דַארְף נִישְׁט שְׁווייגְן, ווייל עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן לִיכְטִיגֶע דִּבּוּרִים.

[נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם מֶען זָאל טְרַאכְטְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ כְּבַד פֶּה, און עֶר הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ די אוֹת ו'; נָאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר קְלֵיין גֶעהַאלְטְן, און וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט קַיין מִצְרַיִם עֶר זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען די אִידְן פוּן 'עֲפָרַיִם', פוּן זֵייעֶר נִידְרִיגֶע מַדְרֵגָה, און זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ די בַּארְג סִינַי און זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ, הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט זַיין גְרוֹיס עֲנִיווּת גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ די ו', צוּ קֶענֶען אַרַיינְשַׁיינֶען

'תבונות התורה' אין די אידישע קינדער און זיי ארויסנעמען פון זייער נידריגע מדרגה, ביז דער אייבערשטער האט אים מבטיח געווען (שמות ד, יב): 'ואנכי אהיה עם פיך והוריתיך אשר תדבר', דו האסט יא די שלימות הדבור, און דו האסט יא די כח צו ברענגען כלל ישראל צו תבונות התורה לעמקה.

*

ידם"; כי כל מקום שנאמר וא"ו, הוא מוסיף (פסחים ה.), הינו בחינת תוספות קדשה, הינו שמירת הברית, כמאמר חכמינו, זכרונם לברכה: 'כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה, אתה מוצא קדשה' (ויקרא רבה כ"ה, הובא ברש"י), כי זה תלוי בזה, גאות ונאוף, כמו שאמרו חכמינו, זכרונם לברכה (סוטה ד:) על פסוק (משלי ו): "ואשת איש נפש יקרה תצוד".

**יעצט** גייט דער רבי פארשטיין געבן וואס איז די אות ו'.

די אות ו' ווייזט אויף שמירת הברית, כי וויל די הייליגע חכמים זאגן: 'כל מקום שנאמר וא"ו' וואו עס איז דא אן אות ו' אנהייב פון א ווארט - 'הוא מוסיף' מיינט דאס צו 'פארמערן' (פסחים ה.), די אות ו' קומט לערנען אז די זאך וואס שטייט אין דעם פסוק באציט זיך אויך צו וואס עס שטייט אינעם פריערדיגן פסוק; הינו בחינת תוספות קדשה די אות ו' טוט פארמערן הייליגקייט, און אזוי ווי אין די תורה טוט די אות ו' צולייגן און פארמערן הייליגקייט, אזוי אויך איז ביים מענטש, אז ער טוט פארמערן קדושה איז ביי אים דא די אות ו', און ווי אזוי ווערט מען מער הייליג? הינו שמירת הברית אז מען היט אפ אות ברית קודש, כמאמר חכמינו זכרונם לברכה אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן: 'כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה' איבעראל וואו דו געפינסט גדרים, דער מענטש פארמערט אין שמירת הברית, אז ער זאל נישט צוקומען צו עבירות, '**אתה מוצא** קדשה' דארט שטייט געשריבן די ווארט קדושה, (ויקרא רבה כ"ה, הובא ברש"י אזוי ווי רש"י זאגט אין פרשת קדושים אויפן פסוק [ויקרא יט, ב]: 'קדושים תהיו' הייליג זאלט עטס זיין, זאגט רש"י, איבעראל וואו מען געפינט א גדר אויף עריות, דאס מיינט מען שמירת הברית - שטייט די ווארט קדוש), זעט מען אז הייליג מיינט שמירת הברית, און ווי מער א מענטש הייליגט זיך בשמירת הברית, האט ער דעם אות ו', און אז ער האט דעם אות ו' - איז דא ביי אים כבוד שמים, וויל שמירת הברית ברענגט ענוה, עס ברענגט דעם מענטשן צו ווערן בטל צום אייבערשטן, כי זה תלוי בזה, גאות ונאוף וויל גאוה און ניאוף איז אנגעהאנגען איינס אין צווייטן, וויל דער בעל גאוה פאלט אריין צום סוף אין ניאוף, כמו שאמרו חכמינו, זכרונם לברכה אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (סוטה ד:) על פסוק אויפן פסוק (משלי ו, כו): ואשת איש 'נפש יקרה תצוד' און אן אשת איש קען פאנגען א טייערע זעל צום גיהנום, (אזוי ווי רש"י זאגט דארט, דבור המתחיל: 'נפש יקרה תצוד'). טייטשן די הייליגע חכמים, אז ווער עס האט גאוה, ער האלט

**וְעַל** כֵּן בְּרִית מְכֻנָּה בְּשֵׁם שַׁדַּ"י, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית ל"ה): "אֲנִי אֵל שַׁדַּי פְּרֵה וּרְבֵה", כִּי שַׁדַּי הוּא בְּחִינַת 'שֶׁיֵּשׁ דַּי בֶּאֱלָקוּתִי לְכָל בְּרִיָּה' (כַּמּוּבָא בְּפֵירַשִׁ"י לֶךְ-לְךָ יז). וּכְשֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵר הַבְּרִית, הַיְנוּ עַל-יְדֵי גֵּאוּת, הוּא עוֹשֶׂה לְעַצְמוֹ עֲבוֹדַת אֱלִילִים, הוּא מַרְאֶה שֶׁאֵין דַּי לוֹ בֶּאֱלָקוּתוֹ, עַד שֶׁצָּרִיךְ עֲבוֹדַת אֱלִילִים, וְעַל כֵּן פּוֹגֵם בְּשַׁדַּי, שֶׁיֵּשׁ דַּי בֶּאֱלָקוּתוֹ לְכָל בְּרִיָּה; וּכְשֶׁשּׁוֹמֵר הַבְּרִית,

זיך פאר אַ 'נֶפֶשׁ יְקָרָה', עֶר האַלט זיך גרויס - וֶוערט נִכְשָׁל אין די עֲבֵירָה פון אֵשֶׁת אִישׁ, און אַזוֹי ווי דורך גַּאֲוָה קוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ צו צו נִאוּף, אַזוֹי אויך פאַרקֶערְט, דורך נִאוּף קוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ צו צו גַּאֲוָה, און אַז מֶען איז זוֹכֶה צו שְׁמִירַת הַבְּרִית, אִיז מֶען זוֹכֶה צו עֲנָוָה.

**וְעַל** כֵּן און וויבאַלד אויב מֶען היט נִישְׁט אָפּ אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ קוּמְט מֶען צו גַּאֲוָה **בְּרִית מְכֻנָּה בְּשֵׁם שַׁדַּ"י** וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ מִיטְן נָאמֶען 'שַׁדַּ"י', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פאַר יַעֲקֹב אָבִינוּ אַז עֶר זָאל גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער (בְּרֵאשִׁית ל"ה, יא): 'אֲנִי אֵל שַׁדַּ"י פְּרֵה וּרְבֵה' [אִיךְ בִּין דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, זָאלְסְט דִיךְ פְּרוּכְטְן און פאַרְמֶערְן], זֶעעֶן מִיר אַז 'שְׁמִירַת הַבְּרִית' וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיטְן שֵׁם 'שַׁדַּ"י', און פאַרְוָואס טאַקֶע וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שְׁמִירַת בְּרִית מִיטְן שֵׁם שַׁדַּ"י? **כִּי שַׁדַּ"י** וַוייל אִין די וָוארְט שַׁדַּ"י אִיז דָא צְוֵויי וֶוערְטֶער: 'שֶׁיֵּשׁ - דַּי', וָואס הָאט גֶענוּג, **הוּא בְּחִינַת** דָאס מֵיינְט **'שֶׁיֵּשׁ דַּי בֶּאֱלָקוּתִי לְכָל בְּרִיָּה'**, אִיךְ הָאב גֶענוּג צו גֶעבְּן פאַר יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ (וַוייל מִיר גֶעפִינֶען, וֶוען דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פאַר אַבְרָהָם אָבִינוּ עֶר זָאל זִיךְ מַל'ֶען, הָאט דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית יז, א): 'אֲנִי אֵל שַׁדַּ"י', **כַּמּוּבָא בְּפֵירַשִׁ"י לֶךְ לְךָ יז.** זָאגְט דָארְט רַשִׁ"י: 'אֲנִי הוּא שֶׁיֵּשׁ דַּי בֶּאֱלָקוּתִי לְכָל בְּרִיָּה', אִיךְ בִּין דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיךְ הָאב גֶענוּג צו גֶעבְּן פאַר יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ, בֶּעט אִיךְ דִיר: 'הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי' גֵיי מִיט מִיר וְכוּ'.) **וּכְשֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵר הַבְּרִית** אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן בִּשְׁמִירַת הַבְּרִית, ווי אַזוֹי פאַסִירְט דָאס? **הַיְנוּ עַל יְדֵי גֵּאוּת** דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס און עֶר רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן - **הוּא עוֹשֶׂה לְעַצְמוֹ עֲבוֹדַת אֱלִילִים** מַאכְט עֶר פאַר זִיךְ אַן עֲבוֹדָה זָרָה, **הוּא מַרְאֶה שֶׁאֵין דַּי לוֹ בֶּאֱלָקוּתוֹ** און מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶענוּג דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, **עַד שֶׁצָּרִיךְ עֲבוֹדַת אֱלִילִים** עֶר דַארְף רַחֲמָנָא לִצְלַן צוּלֵייגְן נָאךְ אָפְּגֶעטֶער, **וְעַל כֵּן פּוֹגֵם בְּ'שַׁדַּ"י'** און מִיט דֶעם אִיז עֶר פּוֹגֵם אִינֶעם שֵׁם 'שַׁדַּ"י', וָואס דֶער שֵׁם 'שַׁדַּ"י' מֵיינְט דָאךְ - **שֶׁיֵּשׁ דַּי בֶּאֱלָקוּתוֹ לְכָל בְּרִיָּה** אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג צו גֶעבְּן פאַר יֶעדְן בַּאשֶׁעפֶענִישׁ, קוּמְט אוֹיס אַז גַּאֲוָה און נִאוּף זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אֵיינְס אִינֶעם צְוֵוייטְן, און בֵּיידֶע טוּעֶן פּוֹגֵם זַיין אִין שֵׁם שַׁדַּ"י; **וּכְשֶׁשּׁוֹמֵר הַבְּרִית** אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז

אָפְּגֶעהִיטְן אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית, פַּארְמֶערְט עֶר אִין קְדוּשָׁה, **הוּא זוֹכֶה** אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דִי אוֹת ו׳, דְרֵייט עֶר אִיבֶּער פוּן 'כְּבַד פֶּה' צוּ 'כָּבוֹד וְלֹא יִדֹּם', אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עֲנָוָה, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה **לָאוֹר הַמֵּאִיר לוֹ לִתְשׁוּבָה** אַז עֶס שַׁיינְט אִים דִי דִּבּוּרִים פוּן דִי תּוֹרָה אוּן עֶס וַוייזְט אִים וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב).

**הוּא זוֹכֶה לָאוֹר הַמֵּאִיר לוֹ לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל:**

**ד וְאוֹר הַזֶּה הוּא בְּחִינַת טַל אוֹרוֹת, הַכְּלוּלִים בַּוָּאו שֶׁל כָּבוֹד, בִּבְחִינַת** (אִיּוֹב ל"ג): **"הֶן כָּל אֵלֶּה יִפְעַל אֵל פַּעֲמַיִם שָׁלוֹשׁ עִם גָּבֶר". 'פַּעֲמַיִם שָׁלוֹשׁ' — הֵם בְּחִינַת טַל אוֹרוֹת שֶׁל מִלּוּי שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת רִאשׁוֹנוֹת (פֵּרוּשׁ, כִּי שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת רִאשׁוֹנוֹת שֶׁל שֵׁם הֲוַיָּה בְּמִלּוּי אַלְפִין הֵם בְּגִימַטְרִיָּא טַ"ל, וְהֵם בְּחִינַת טַל אוֹרוֹת, וְהֵם כְּלוּלִים בְּהַוָּא"ו שֶׁל הַשֵּׁם). 'עִם גָּבֶר' — שֶׁהֵם כְּלוּלִים בַּבְּרִית, כִּי**

**ד וְאוֹר הַזֶּה** אוּן דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס שַׁיינְט פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס וַוייזְט אִים דִי וֶועג ווִי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, **הוּא בְּחִינַת** דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן **'טַל אוֹרוֹת'** אַ טוֹי פוּן לִיכְטִיגְקֵייט (יְשַׁעְיָה כו, יט), **הַכְּלוּלִים בַּוָּאו שֶׁל כָּבוֹד** וָואס דָאס אִיז דִי אוֹת ו׳ פוּן דִי וָוארְט כָּבוֹד, **בִּבְחִינַת** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב ל"ג, כט): **'הֶן כָּל אֵלֶּה יִפְעַל אֵל'** דִי אַלֶע זַאכְן טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **'פַּעֲמַיִם שָׁלוֹשׁ'** צְוֵויי דְרַיי מָאל, **'עִם גָּבֶר'** מִיט אַ מֶענְטְשׁ; אֵיידֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֶר אִים דֶערְמַאנֶען צְוֵויי דְרַיי מָאל עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אַז עֶר טוּט נָאכְאַלְץ נִישְׁט תְּשׁוּבָה - שְׁטְרָאפְט עֶר אִים. גֵייט דֶער רֶבִּי מֶער טִיפֶער: **'פַּעֲמַיִם שָׁלוֹשׁ'** דִי וֶוערְטֶער 'פַּעֲמַיִם שָׁלוֹשׁ' - **הֵם בְּחִינַת 'טַל אוֹרוֹת'** דָאס מֵיינְט מֶען דִי 'טוֹי פוּן לִיכְטִיגְקֵייט', **שֶׁל מִלּוּי שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת רִאשׁוֹנוֹת** וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה מִיט דִי מִלּוּי, (**פֵּרוּשׁ**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר, **כִּי שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת רִאשׁוֹנוֹת שֶׁל שֵׁם הֲוָיָ"ה** דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם י-ה-ו-ה, **בְּמִלּוּי אַלְפִין** וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט דָאס אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן, אַזוֹי: יוּ"ד, הֵ"א, וָא"ו - **הֵם בְּגִימַטְרִיָּא** בַּאטְרֶעפְט דָאס נַיין אוּן דְרַייסִיג (39), אַזוֹי ווִי **טַ"ל** טַ"ל, דִי וָוארְט טַ"ל וָואס אִיז נַיין אוּן דְרַייסִיג (39), **וְהֵם בְּחִינַת טַל אוֹרוֹת** דָאס מֵיינְט מֶען דִי טוֹי פוּן לִיכְטִיגְקֵייט, **וְהֵם כְּלוּלִים בְּהַוָּא"ו שֶׁל הַשֵּׁם** אוּן דָאס אִיז אַלֶעס נִכְלָל אִין דִי ו׳ פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה, אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִינֶעם פָּסוּק, דִי אַלֶע זַאכְן טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'פַּעֲמַיִם', דִי י׳ מִיט דִי ה׳ - דִי צְוֵויי אוֹתִיּוֹת, 'שָׁלוֹשׁ' - אִיז נִכְלָל אִין דִי דְרִיטֶע אוֹת, אִין דִי וָא"ו). אוּן דָאס וָואס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק **'עִם גָּבֶר'** קוּמְט צוּ לֶערְנֶען — **שֶׁהֵם כְּלוּלִים בַּבְּרִית**, אַז דָאס אִיז נִכְלָל אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית; וואוּ זֶעעֶן מִיר אַז 'גָּבֶר' מֵיינְט שְׁמִירַת הַבְּרִית? אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שׁוֹפְטִים ח, כא): 'כִּי כָאִישׁ גְּבוּרָתוֹ', אוּן דֶער פָּסוּק רֶעדְט זִיךְ

**כאיש גבורתו. ועל שם זה נקרא ברית בעז** (תקון לא) **— בו עז, בו תקפא.**

**אבל כשאינו שומר הברית, הוא מקלקל הט"ל אורות וממשיך על עצמו על הפרנסה, היינו ט"ל מלאכות, כמובא בזהר** (ח"ג רמה)**: 'מאן דזריק פרורין דנהמא, עניות רדף אבתרה, כל־שכן מאן דזריק פרורין דמחא'. וזה: בו**

פון ברית (בבא מציעא פד.). [אינעם פריערדיגן פסוק שטייט, ער האט געזאגט פאר איוב: 'פדה נפשו מעבר בשחת', דער אייבערשטער האט מיך אויסגעלייזט פון אנקומען אין קבר, 'וחיתו באור תראה', איך האב זוכה געווען אויסצולייזן מיין זעל; ווי אזוי איז מען זוכה צו: 'חיתו באור תראה', עס זאל שיינען א ליכטיגקייט, מען זאל זען וואס מען דארף פארערכטן? דורך 'פעמים שלש עם גבר', דורך זיין הייליג אין שמירת הברית איז מען זוכה צו די ט"ל אורות, א טוי פון ליכטיגקייט, וואס קומט פון די ערשטע דריי אותיות פון שם הוי"ה, י־ה־ו - מיט די מלוי פון די אות א' וואס באטרעפט ט"ל (39)]; **ועל שם זה נקרא ברית בעז** און וועגן דעם - זאגט דער זוהר הקדוש (תקון לא, דף עה:) - אז ברית ווערט אנגערופן מיטן נאמען 'בעז', ווייל די נאמען בעז ליינט זיך אין צוויי ווערטער, בו עז 'בו' אין אים 'עז' איז דא שטארקקייט, **בו תקפא.** ער שטארקט זיך אויפן יצר הרע נישט פוגם צו זיין בברית; און דער צדיק בעז האט עומד געווען בנסיון און זיך געהיטן זיין ברית, וואס דאס איז אויך דער לשון הפסוק פון 'גבר', גבורה, שטארקקייט.

**אבל כשאינו שומר הברית** אבער ווען א מענטש היט נישט אפ אות ברית קודש, **הוא מקלקל** טוט ער פארדארבן **ה'ט"ל אורות'** די טוי פון ליכטיגקייט, ווייל דורך פגם הברית רייסט זיך דער מענטש אפ פונעם אייבערשטן, **וממשיך על עצמו על הפרנסה** און ער ברענגט אויף זיך די שווערע יאך פון זיך מוטשען צו ברענגען פרנסה; אנשטאט צו האבן די ט"ל אורות, די טוי פון ליכטיגקייט, ברענגט ער אויף זיך **היינו 'ט"ל מלאכות'**, די ניין און דרייסיג מלאכות פון שבת; עס ווערט אנשטאט א ליכטיגע לעבן, דארף ער ארבעטן ביטער שווער, **כמובא בזהר** אזוי ווי עס שטייט אין הייליגן זוהר (ח"ג [פנחס] רמה:): **'מאן דזריק פרורין דנהמא'** ווער עס ווארפט אראפ ברעקלעך פון ברויט, ווערט ער געשטראפט - **'עניות רדף אבתרה'** אז עס לויפט אים נאך ארעמקייט זיין גאנצע לעבן, **'כל שכן'** איז דאך זיכער **'מאן דזריק פרורין דמחא'** אז ווער עס איז מוציא זרע לבטלה רחמנא לצלן וועט אים זיכער נאכלויפן ארעמקייט; ווייל ווען מען איז פוגם בברית טוט מען זיך אפרייסן פונעם אייבערשטן, און ער נעמט די ש'פ'ע' - און ער מאכט פון דעם פ'ש'ע', ער לייגט די גאנצע שפע צו די קליפות השם ישמרנו, און אנשטאט ער זאל שפירן די איינגענעמע זיסע לויטערע געשמאקע ט"ל אורות, וואס דאס איז די

נַיין אוּן דְרַייסִיג מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן, דִי טַעַם פוּן זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי מֶען אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין אַלֶעס וָואס מֶען טוּט שְׁפִּירְט מֶען וִוי מֶען בּוֹיט אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; דוּרְךְ פְּגַם הַבְּרִית שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער, וֶועט עֶר דַארְפְן שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן מִיט דִי ל"ט מְלָאכוֹת, עֶר וֶועט זִיךְ מוּטְשֶׁען צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, וְזֶה אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט שְׁמִירַת הַבְּרִית אָנְגֶערוּפְן: בּוֹ עַז מִיטְן נָאמֶען בּעַז, בּוֹ כָּלוּל שְׁנֵי הַבְּחִינוֹת וָואס אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען בֵּיידֶע וֶועגְן, הַיְנוּ ל"ט **אוֹרוֹת** - **מִי שֶׁשּׁוֹמֵר הַבְּרִית** דֶער וָואס הִיט אָפּ אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ עֶר שְׁפִּירְט דִי ל"ט אוֹרוֹת, דִי טוֹי פוּן לִיכְטִיגְקֵייט, עֶס אִיז אִים זִיס אוּן לִיכְטִיג דָאס לֶעבְּן, וְל"ט **מְלָאכוֹת** - **מִי שֶׁפּוֹגֵם בּוֹ** אוּן נַיין אוּן דְרַייסִיג מְלָאכוֹת, דָאס מֵיינְט מֶען זִיךְ מוּטְשֶׁען פַאר פַּרְנָסָה - פַאר דֶער וָואס אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית; **כִּי** עַ"ז וַוייל דִי וָוארְט ע"ז וָואס בַּאטְרֶעפְט זִיבְּן אוּן זִיבֶּעצִיג (77), **עִם הַכּוֹלֵל** אוֹיבּ מֶען רֶעכְנְט עֶס מִיטְן כּוֹלֵל, אַז מֶען לֵייגְט צוּ נָאךְ אֵיין נוּמֶער - אִיז עֶס אַכְט אוּן זִיבֶּעצִיג (78), דָאס בַּאטְרֶעפְט - **שְׁתֵּי פְּעָמִים טַל** צְוֵויי מָאל נַיין אוּן דְרַייסִיג, דָאס קוּמְט אוֹיס אַכְט אוּן זִיבֶּעצִיג: אוּן דָאס לִיגְט אִינֶעם וָוארְט בּוֹ עַז, 'בּוֹ' - אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית

**עַז, בּוֹ כָּלוּל שְׁנֵי הַבְּחִינוֹת, הַיְנוּ ל"ט אוֹרוֹת — מִי שֶׁשּׁוֹמֵר הַבְּרִית, וְל"ט מְלָאכוֹת — מִי שֶׁפּוֹגֵם בּוֹ; כִּי עַז עִם הַכּוֹלֵל — שְׁתֵּי פְּעָמִים טַל:**

**וְזֶה: "מִשְׁכָּן מִשְׁכָּן" שְׁתֵּי פְּעָמִים — שְׁתֵּי פְּעָמִים ל"ט, כִּי ל"ט מְלָאכוֹת גָּמְרִינַן מִמִּשְׁכָּן** (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שַׁבָּת מט:). **וּמִי שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת בְּרִיתוֹ, אַף־עַל־פִּי שֶׁהוּא עוֹשֶׂה הַל"ט מְלָאכוֹת — הֵם בִּבְחִינַת מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן,**

אָדֶער פַארְקֶערְט, 'עַז' - אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן וִוי ל"ט אוֹרוֹת, אָדֶער אוֹיבּ פַארְקֶערְט, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען אִין לֶעבְּן אוּן הָאבְּן דִי ל"ט מַלְקוֹת.

**וְזֶה** אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ מְרוּמָז אִין פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת לח, כא): 'אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן, מִשְׁכַּן הָעֵדוּת' [דָאס אִיז דֶער צָאל פוּנֶעם מִשְׁכָּן, דֶער מִשְׁכָּן אִיז אַן עֵדוּת פַאר דִי אִידְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף דִי חֵטְא הָעֵגֶל], 'מִשְׁכָּן מִשְׁכָּן' **שְׁתֵּי פְּעָמִים** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק צְוֵויי מָאל דִי וָוארְט מִשְׁכָּן, פַארְוָואס שְׁטֵייט צְוֵויי מָאל דִי וָוארְט מִשְׁכָּן? - **שְׁתֵּי פְּעָמִים ל"ט** דָא אִיז מְרוּמָז דִי טַ"ל אוֹרוֹת אוּן דִי ל"ט מְלָאכוֹת; **כִּי ל"ט מְלָאכוֹת גָּמְרִינַן מִמִּשְׁכָּן** וַוייל דִי ל"ט מְלָאכוֹת וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן שַׁבָּת לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן, (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן שַׁבָּת מט:). **וּמִי שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת בְּרִיתוֹ** אוּן וֶוער עֶס הִיט אָפּ אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, **אַף עַל פִּי שֶׁהוּא עוֹשֶׂה הַל"ט מְלָאכוֹת** אֲפִילוּ עֶר דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - **הֵם בִּבְחִינַת מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן** שְׁפִּירְט עֶר בַּיים אַרְבֶּעטְן וִוי עֶר בּוֹיט דֶעם מִשְׁכָּן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז

**הַיְנוּ מִשְׁכָּן בְּבִנְיָנָהּ, בְּחִינַת ל"ט אוֹרוֹת; אַךְ מִי שֶׁפּוֹגֵם בִּבְרִית — הַמְּלָאכוֹת שֶׁלּוֹ הֵם בִּבְחִינַת מִשְׁכָּן בְּחֻרְבָּנָהּ, בִּבְחִינַת ל"ט מַלְקוֹת** (תִּקּוּן מח), **בְּחִינַת** (דְּבָרִים כ"ה): **"אַרְבָּעִים יַכֶּנּוּ וְלֹא יוֹסִיף", הַיְנוּ בְּחִינַת פְּגַם הַבְּרִית, שֶׁהוּא בְּחִינַת תּוֹסָפוֹת כַּנַּ"ל:**

אָפְּגֶעהִיטְן אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית הָאט עֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, און אֲפִילוּ עֶר דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה און עֶר הָאט אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִין זַיין טָאג טֶעגְלִיכֶע לֶעבְּן, **הַיְנוּ מִשְׁכָּן בְּבִנְיָנָהּ** אִיז דָאס בַּיי אִים ל"ט מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן; עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט אַלֶעס וָואס עֶר טוּט, **בְּחִינַת ל"ט אוֹרוֹת** וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז עֶר טוּט דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, אִיז בַּיי אִים אַ לִיכְטִיגֶע טוֹי; **אַךְ מִי שֶׁפּוֹגֵם בִּבְרִית** אָבֶער דֶער וָואס הִיט נִישְׁט אָפּ אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, עֶר אִיז מַפְקִיר זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר קוּקְט רַחֲמָנָא לִצְלָן עֲבֵירוֹת, בִּיז עֶר קוּמְט צוּ הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַארְלִירְט עֶר זַיין אֱמוּנָה; **הַמְּלָאכוֹת שֶׁלּוֹ** וֶוען עֶר אַרְבֶּעט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, און אַזוֹי אוֹיךְ צוּ טוּן אַלֶע טָאג טֶעגְלִיכֶע זַאכְן וָואס דַארְפְן וֶוערְן עֶרְלֶעדִיגְט, **הֵם בִּבְחִינַת מִשְׁכָּן בְּחֻרְבָּנָהּ** אַלֶעס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן; עֶר אִיז אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער, אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער, אַלֶעס זֶעט אִים אוֹיס חָרוּב וְנֶחֱרָב, **בִּבְחִינַת ל"ט מַלְקוֹת** עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי עֶר כַאפְּט נַיין און דְרַייסִיג מַלְקוֹת (**תִּקּוּן מח** אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט, [תִּיקּוּן מח, דַף פה.], אַז דִי ל"ט מְלָאכוֹת אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי ל"ט מַלְקוֹת); וַוייל דוּרְךְ פְּגַם הַבְּרִית וֶוערְט פַארְלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה, און אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה וֶוערְט דִי לֶעבְּן זֵייעֶר שְׁוֶוער, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף טוּן אִיז אִים אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ, עֶר שְׁפִּירְט אַ גַאנְצְן צַייט ווִי עֶר כַאפְּט קְלֶעפּ; **בְּחִינַת** און דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כ"ה, ג): **'אַרְבָּעִים יַכֶּנּוּ וְלֹא יוֹסִיף'** [בַּיי דִי פַּרְשָׁה וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן גֶעבְּן מַלְקוֹת פַאר אֵיינֶער וָואס הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַ לַאו, זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז בֵּית דִּין זָאל אִים גֶעבְּן פֶערְצִיג מַלְקוֹת, נִישְׁט מֶער], גֵייט דֶער רֶבִּי מֶער טִיפֶער, וָואס מֵיינְט וְלֹא יוֹסִיף? **הַיְנוּ בְּחִינַת פְּגַם הַבְּרִית** דָאס מֵיינְט פְּגַם הַבְּרִית, **שֶׁהוּא** וָואס דִי הֵיילִיגֶע בְּרִית **בְּחִינַת תּוֹסָפוֹת** וַוייזְט אוֹיף פַארְמֶערְן הֵיילִיגְקֵייט, וַוייל יוֹסִיף מֵיינְט פַארְמֶערְן, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ג), וָואס פַארְמֶערְט עֶר? תּוֹסְפוֹת קְדוּשָׁה, וַוייל שְׁמִירַת הַבְּרִית מֵיינְט פַארְמֶערְן, און ווִיבַאלְד 'וְלֹא יוֹסִיף' עֶר הָאט נִישְׁט פַארְמֶערְט קְדוּשָׁה - הֵיילִיגְקֵייט, בַּיי אִים אִיז נִישְׁטָא קֵיין שְׁמִירַת הַבְּרִית, עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית - פֶעלְט אִים דִי טַ"ל אוֹרוֹת וָואס לִיגְט אִינֶעם אוֹת ו' פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בְּמִלּוּי אַלְפִין, וָואס דִי אוֹת ו' אִיז מוֹסִיף, אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט - 'אַרְבָּעִים יַכֶּנּוּ' בְּמֵילָא דַארְף עֶר נֶעבֶעךְ לַיידְן דִי ל"ט מַלְקוֹת, עֶר אִיז נֶעבֶעךְ אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער און אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל שְׁפִּירְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט - אַז עֶר בּוֹיט אוֹיף אַ מִשְׁכָּן פַארְן אֵייבֶערְשְׁטְן; סַיי וֶוען עֶר אַרְבֶּעט אִין

שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער, סַיי בַּיים אַרְבֶּעטְן מִיט זַיין וַוייבּ צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן סַיי וֶוען עֶר אַרְבֶּעט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אַנְשְׁטָאט צוּ שְׁפִּירְן אַז עֶר טוּט יֶעצְט דֶעם רָצוֹן ה', עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דִי ל"ט מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן; וִויבַּאלְד עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית וָואס דָאס אִיז גַּאֲוָה, וָואס דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה זָרָה - וֶוערְט בַּיי אִים פוּן דִי ט"ל אוֹרוֹת - ל"ט מַלְקוֹת.

**ה וּשְׁמִירַת הַבְּרִית יֵשׁ בּוֹ שְׁנֵי בְּחִינוֹת: יֵשׁ מִי שֶׁזִּוּוּגוֹ בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן הוּא שׁוֹמֵר אֶת בְּרִיתוֹ עַל־פִּי הַתּוֹרָה, שֶׁאֵינוֹ יוֹצֵא מִדִּינֵי הַתּוֹרָה; וְיֵשׁ מִי שֶׁהוּא שׁוֹמֵר הַבְּרִית, שֶׁזִּוּוּגוֹ מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת. וְהוּא בְּחִינַת יִחוּדָא עִלָּאָה וְיִחוּדָא תַּתָּאָה.**

**ה בִּיז** אַהֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען זוֹכֶה זַיין אַז עֶס זָאל שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן דִי לִיכְטִיקֶייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל שְׁפִּירְן דִי ט"ל אוֹרוֹת מוּז מֶען הָאבְּן עֲנָוָה מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית; יֶעצְט גֵייט דֶער רֶבִּי אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁמִירַת הַבְּרִית.

**וּשְׁמִירַת** הַבְּרִית יֵשׁ בּוֹ שְׁנֵי בְּחִינוֹת עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין הֵיילִיג, אוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית: יֵשׁ מִי שֶׁזִּוּוּגוֹ בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס פִּירְט זִיךְ אִין שְׁטוּב וְכוּ' - גֶעבּוֹיט אוֹיף הֲלָכָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (כְּתוּבּוֹת סב.): 'הַטַּיָּילִים' דָאס מֵיינְט מֶען אִינְגֶעלַייט - וְוִי רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל בְּנֵי פִּרְקִי) - 'בְּכָל יוֹם', וְאַף עַל פִּי כֵן אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם הוּא שׁוֹמֵר אֶת בְּרִיתוֹ עַל פִּי הַתּוֹרָה אִיז עֶר אָפְּגֶעהִיטְן אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית לוֹיט דִי תּוֹרָה, וַוייל שֶׁאֵינוֹ יוֹצֵא מִדִּינֵי הַתּוֹרָה עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי הֲלָכָה; אוּן פַאַרְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען רֶעדְט דָא אַז עֶר פִּירְט זִיךְ אַזוֹי וְכוּ' - כְּדֵי צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דֶערִיבֶּער פִּירְט עֶר זַיין שְׁטוּב לוֹיט דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, פוּן 'הַטַּיָּילִים בְּכָל יוֹם', אַז עֶר זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען חַס וְשָׁלוֹם, אוּן זִיכֶער נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז זִוּוּגוֹ בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחוֹל, וְיֵשׁ מִי שֶׁהוּא שׁוֹמֵר הַבְּרִית אוּן עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועג אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית, שֶׁזִּוּוּגוֹ מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת עֶר פִּירְט זִיךְ אִין שְׁטוּב וְכוּ' - אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שָׁם, סב:): 'תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אֵימַת, מֵעֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת', [בִּכְתָב יָד, אִין כְּתַב יַד פוּן רֶבִּי'ן שְׁטֵייט: מִלֵּיל שַׁבָּת לְלֵיל שַׁבָּת, פוּן פְרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס צוּ פְרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס]. וְהוּא בְּחִינַת יִחוּדָא עִלָּאָה וְיִחוּדָא תַּתָּאָה אוּן דִי צְוֵויי וֶועגְן וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן יִחוּדָא עִלָּאָה אוּן יִחוּדָא תַּתָּאָה; דִי צַדִּיקִים וָואס פִירְן זֵייעֶר שְׁטוּב וְכוּ' 'מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת' - דִי מַדְרֵגָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'יִחוּדָא עִלָּאָה', וַוייל אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ שַׁיינְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט גֶעאֵיינְצִיגְט אִין בֵּיידֶע וֶועלְטְן, סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אַ צַייט פוּן

**וְזֶה בְּחִינַת שַׁדַּי שֶׁל שַׁבָּת, שֶׁאָמַר לְעוֹלָמוֹ דַּי** (בְּרֵאשִׁית־רַבָּה מו, חֲגִיגָה יב), **שֶׁצִּמְצֵם אֶת עַצְמוֹ מִכָּל הַמְּלָאכוֹת, וְזֶה בְּחִינַת יְחוּדָא עִלָּאָה. וְיֵשׁ בְּחִינַת שַׁדַּי שֶׁל חֹל, שֶׁגַּם בְּחֹל יֵשׁ צִמְצוּמִים מִמְּלָאכָה לַחֲבֶרְתָּהּ, וְזֶה בְּחִינַת מט"ט, שֶׁשַּׁלְטְנוּתֵהּ שֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל,**

יִחוּד און זיווג, און די פְּשׁוּט'ע מֶענטשְׁן - וָואס זֵיי שְׁטֶעלְן אוֹיס זֵייעֶר שְׁטוּב וְכוּ' אִין די 'זֶעקְס טֶעג פוּן די וָואךְ' - דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען 'יִחוּדָא תַּתָּאָה', וָואס אִין די זֶעקְס טֶעג פוּן די וָואךְ שַׁיינְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס לִיכְטִיגְקֵייט אַזוֹי אָפְן. **פְּרִיעֶר** אִין אוֹת ג' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז 'שְׁמִירַת הַבְּרִית' און די מִדָּה פוּן 'עֲנָוָה' וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיטְן שֵׁם 'שַׁדַּ"י', און דָא אִין אוֹת ה' זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית; גֵייט יֶעצְט דֶער רֶבִּי צוּלֵייגְן אַז אִין שֵׁם 'שַׁדַּ"י' אִיז דָא בֵּיידֶע בְּחִינוֹת, סַיי 'יִחוּדָא עִלָּאָה', 'מִשַּׁבָּת לַשַּׁבָּת', און סַיי 'יִחוּדָא תַּתָּאָה', 'שֵׁשֶׁת יְמֵי הַחוֹל'.

**וְזֶה בְּחִינַת** און די צַדִּיקִים וָואס זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט די מַדְרֵיגָה אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית פוּן 'יִחוּדָא עִלָּאָה' - **שַׁדַּ"י שֶׁל שַׁבָּת** זֵיי זֶענֶען מְרוּמָז אִין דֶער 'שֵׁם שַׁדַּ"י וָואס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן שַׁבָּת', '**שֶׁאָמַר לְעוֹלָמוֹ דַּי**' וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר די וֶועלְט: 'דַּי'; גֶענוּג, שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ; אַזוֹי וִוי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מו, ב; חֲגִיגָה יב) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן די וֶועלְט; די יַם, די וַואסֶער, די הִימְל, און אַזוֹי וַוייטֶער; הָאבְּן אַלֶע אָנְגֶעפַאנְגֶען זִיךְ צוּ צֶעשְׁפְּרֵייטְן מֶער און מֶער, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעדַארְפְט שְׁרֵייעֶן: 'דַּי', גֶענוּג, שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ, און וֶוען אִיז דָאס גֶעוֶוען? בַּיים זְמַן פוּן עֶרֶב שַׁבָּת, **שֶׁצִּמְצֵם אֶת עַצְמוֹ מִכָּל הַמְּלָאכוֹת** וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט די גַאנְצֶע אַרְבֶּעט, **וְזֶה** דָאס אַז די אַרְבֶּעט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט און אַלֶע זֶענֶען גֶעוָוארְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן **בְּחִינַת יְחוּדָא עִלָּאָה** וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן יִחוּדָא עִלָּאָה, און אַזוֹי אוֹיךְ די צַדִּיקִים וָואס זֵיי הִיטְן שְׁמִירַת הַבְּרִית אוֹיף די מַדְרֵגָה פוּן יִחוּדָא עִלָּאָה, פוּן זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן, זֵיי זֶענֶען מְרוּמָז אִין שַׁדַּ"י, **וְיֵשׁ בְּחִינַת שַׁדַּ"י שֶׁל חֹל** אוֹיךְ די פְּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי פִירְן זֵייעֶר שְׁטוּב וְכוּ' אִין די 'זֶעקְס טֶעג פוּן די וָואךְ', די מַדְרֵגָה פוּן 'יִחוּדָא תַּתָּאָה', זֵיי זֶענֶען מְרוּמָז אִין די 'שֵׁם שַׁדַּ"י שֶׁל חוֹל', פוּן די וָואכְן טֶעג, **שֶׁגַּם בְּחֹל** וַוייל אוֹיךְ אִין די וָואכְן טֶעג **יֵשׁ צִמְצוּמִים מִמְּלָאכָה לַחֲבֶרְתָּהּ** זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, דָאס זֶענֶען די מִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת וָואס זֶענֶען דָא אוֹיף די וֶועלְט, וִויפִיל מֶען מֶעג טוּן און וִויפִיל מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, און אוֹיךְ די מִצְוֹת פוּן בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, מֶען טָאר נִישְׁט צוּנֶעמֶען אַ זַאךְ וָואס בַּאלַאנְגְט פַאר אַ חַבֵר, דָאס אַלֶעס אִיז די טַייטְשׁ פוּן שַׁדַּ"י. **וְזֶה בְּחִינַת מט"ט** און די אַלֶע וָואס פִירְן זֵייעֶר שְׁטוּב וְכוּ' אִין די וָואכְן טֶעג, די זֶענֶען אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער די פִירֶערְשַׁאפְט פוּנֶעם מַלְאָךְ מט"ט, **שֶׁשַּׁלְטְנוּתֵהּ שֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל** וָואס עֶר אִיז

בְּחִינַת שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה (כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ וּבְכִתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל), שֶׁשְּׁמוֹ כְּשֵׁם רַבּוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת כ"ג): "כִּי שְׁמִי בְּקִרְבּוֹ" (כַּמּוּבָא בְּפֵירַשִׁ"י שָׁם); וְזֶה בְּחִינַת יִחוּדָא תַּתָּאָה, הַיְנוּ שֶׁהַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא מַלְבִּישׁ אֶת עַצְמוֹ בְּמט"ט בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל וּמַנְהִיג הָעוֹלָם עַל-יָדוֹ:

גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, עֶר אִיז דֶער שָׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס הָאט צוּטוּן מִיט דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, בְּחִינַת שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן אוֹיף דֶעם אִיז גֶעבּוֹיט דִי זֶעקְס סְדָרִים פוּן מִשְׁנָיוֹת, (כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוהר הַקָּדוֹשׁ; תִּיקּוּנִים תִּיקּוּן ע'), בְּרֵאשִׁית אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'בָּרָא שִׁית', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן זֶעקְס, 'וְדָא מט"ט', דָאס אִיז דֶער מַלְאָךְ מט"ט, וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוּן דָאס זֶענֶען דִי זֶעקְס סְדָרִים פוּן מִשְׁנָיוֹת, וָואס הַאלְט אִין זִיךְ דִי זֶעקְס זַאכְן: כָּשֵׁר-פָּסוּל, טָהוֹר-טָמֵא אוּן אָסוּר-מֻתָּר, וּבְכִתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל אוּן דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַמִּצְווֹת פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן), אַז וֶוען מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת זָאל מֶען אִינְזִין הָאבְּן דִי שֵׁם 'שַׁדַּ"י', וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא אַזוֹי וִוי דֶער נָאמֶען פוּנֶעם מַלְאָךְ 'מטטרו"ן' וָואס בַּאטְרֶעפְט דְרַיי הוּנְדֶערְט אוּן פֶערְצְן (314), אַזוֹי וִוי דֶער שֵׁם שַׁדַּ"י, שֶׁשְּׁמוֹ אַז זַיין נָאמֶען, כְּשֵׁם רַבּוֹ אִיז אַזוֹי וִוי דִי נָאמֶען פוּן זַיין הַאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וַוייל אִין זַיין נָאמֶען אִיז דָא דֶער שֵׁם שַׁדַּ"י, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת כ"ג, כא): 'הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ מַלְאָךְ לְפָנֶיךָ' אִיךְ גֵיי שִׁיקְן פַאר עֶנְק אַ מַלְאָךְ זָאל עֶנְק פִירְן וְגוֹ', 'הִשָּׁמֶר מִפָּנָיו וּשְׁמַע בְּקֹלוֹ' הִיט זִיךְ פוּן אִים אוּן הֶערְט צוּ צוּ זַיין קוֹל, 'כִּי שְׁמִי בְּקִרְבּוֹ', וַוייל מַיין נָאמֶען לִיגְט אִין זַיין נָאמֶען, (כַּמּוּבָא בְּפֵירַשִׁ"י שָׁם) אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל כִּי שְׁמִי בְּקִרְבּוֹ): 'כִּי שְׁמִי מְשֻׁתָּף בּוֹ' אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי פִּירַאכְטְס פוּן דִי וֶועלְט פַארְן מַלְאָךְ מט"ט וָואס זַיין נָאמֶען בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען שַׁדַּ"י; וְזֶה בְּחִינַת יִחוּדָא תַּתָּאָה אוּן דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן יִחוּדָא תַּתָּאָה, הַיְנוּ שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַלְבִּישׁ אֶת עַצְמוֹ בְּמט"ט בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁלִיחוּת דֶעם מַלְאָךְ מט"ט אַז עֶר זָאל פִירְן אַלֶעס פוּן דִי וֶועלְט אִין דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, וּמַנְהִיג הָעוֹלָם עַל יָדוֹ אוּן דוּרְךְ אִים פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי וֶועלְט, אוּן דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק: 'הִשָּׁמֶר מִפָּנָיו' וְכוּ', גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן אִים, גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי הֲלָכָה, 'כִּי לֹא יִשָּׂא לְפִשְׁעֲכֶם כִּי שְׁמִי בְּקִרְבּוֹ', אַז דִי אַלֶע וָואס פִירְן דִי שְׁטוּב וְכוּ' אִין דִי וָואכְן טֶעג - דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן הֲלָכָה; אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן אַלֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אוּן פוּן דִי סוֹדוֹת וָואס אִיז דָא אִין זִיווּגִים אוּן יִחוּדִים - זָאלְסְטוּ אָבֶּער זֶען אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי תּוֹרָה וַוייל 'שְׁמִי בְּקִרְבּוֹ', מַיין נָאמֶען אִיז אִינֶעם

ו וְזֶה בְּחִינַת הֲלָכָה וְקַבָּלָה. קַבָּלָה הִיא בְּחִינַת (תְּהִלִּים כ"ט): "הִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ" — רָאשֵׁי־תֵבוֹת קַבָּלָה; וַהֲלָכָה הִיא בְּחִינַת (שָׁם ק): "הָרִיעוּ לַה' כָּל הָאָרֶץ" — רָאשֵׁי־תֵבוֹת הֲלָכָה, כַּמּוּבָא בַּכַּוָּנוֹת. "הִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ" — זֶה בְּחִינַת יִחוּדָא עִלָּאָה, הַיְנוּ זִוּוּג שֶׁל שַׁבָּת, וְזֶה

מַלְאָךְ מט"ט, און אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט נָאךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט כָּשֵׁר־פָּסוּל, טָהוֹר־טָמֵא און אָסוּר־מֻתָּר, זָאלְסְטוּ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערְן, 'כִּי לֹא יִשָּׂא לְפִשְׁעֲכֶם', וַוייל ווִילַאנְג מֶען הַאלְט זִיךְ מִיט דִי הֲלָכָה, אֲפִילוּ מֶען אִיז נָאךְ וַוייט פוּן דִי וֶועג פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, וָואס זִיוּוגְן מִלֵּיל שַׁבָּת לְלֵיל שַׁבָּת; אַז מֶען לֶעבְּט מִיט הֲלָכָה אִיז מֶען אוֹיךְ אַ שׁוֹמֵר הַבְּרִית, יִחוּדָא תַּתָּאָה.

ו **וְזֶה** און דִי צְוֵויי וֶועגְן פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית בְּחִינַת 'הֲלָכָה' וְ'קַבָּלָה' - דָאס גֵייט גֶעקְנִיפְּט און גֶעבִּינְדְן מִיט דִי צְוֵויי חֲלָקִים אִין דִי תּוֹרָה, 'חֵלֶק הַנִּגְלֶה' און 'חֵלֶק הַנִּסְתָּר', הֲלָכָה און קַבָּלָה, **קַבָּלָה** וַוייל קַבָּלָה, חָכְמַת הַקַּבָּלָה **הִיא בְּחִינַת** אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כ"ט, ב): '**הִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ**' בּוּקְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי פְּלַאץ וָואס עֶר אִיז בַּאשֵׁיינְט מִיט הֵיילִיגְקֵייט - **רָאשֵׁי תֵּבוֹת** דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז **קַבָּלָה** דִי וָוארְט 'קַבָּלָה' אוֹיף צוּרִיקְוֶועגְס; **וַהֲלָכָה** און דִי חֵלֶק נִגְלוֹת הַתּוֹרָה **הִיא בְּחִינַת** אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם ק, א): '**הָרִיעוּ לַה' כָּל הָאָרֶץ**' [דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל לוֹיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן] - **רָאשֵׁי תֵבוֹת** דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז **הֲלָכָה** דִי וָוארְט 'הֲלָכָה', **כַּמּוּבָא בַּכַּוָּנוֹת** אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַשַּׁבָּת, פֶּרֶק כא): 'טוֹב לִלְמוֹד בְּשַׁבָּת קַבָּלָה', וַוייל קַבָּלָה אִיז אִין דִי הֶעכְסְטֶע עוֹלָם הָאֲצִילוּת, וָואס דָארְט אִיז אִינְגַאנְצְן הֵיילִיג, 'וְזֶה רָמוּז בְּפָסוּק הִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַדְרַת קוֹדֶשׁ, וְהוּא בָּאֲצִילוּת הַנִּקְרָא קוֹדֶשׁ', און נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל (שַׁעַר הַפְּסוּקִים, תְּהִלִּים ק) אַז דִי קַאפִּיטְל מִזְמוֹר לְתוֹדָה, זָאגְט מֶען נִישְׁט שַׁבָּת, נָאר אִין דִי וָואכְן טֶעג, אִין דֶעם קַאפִּיטְל אִיז מְרוּמָז 'נִגְלוֹת הַתּוֹרָה', 'הֲלָכָה', וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער הָ'רִיעוּ לַ'ה' כָּ'ל הָ'אָרֶץ.

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן וָואס הָאט 'חָכְמַת הַקַּבָּלָה' - מִיט 'יִחוּדָא עִלָּאָה', און 'הֲלָכָה' - מִיט 'יִחוּדָא תַּתָּאָה'; וַוייל דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים כט, ב): '**הִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ**' 'הִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ' - **זֶה בְּחִינַת** דָאס אִיז דִי מַדְרֵגָה **יִחוּדָא עִלָּאָה** פוּן אֵיינְצִיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע אוֹיבֶּערְשְׁטֶע וֶועלְטְן, וַוייל דָאס מֵיינְט זִיךְ בּוּקְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בּוּקְט זִיךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל, עֶר וַוייזְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, עֶס אִיז נָאר דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דָאס אִיז פַארְוָואס וֶוען מֶען בּוּקְט זִיךְ וַוארְפְט מֶען זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְטֶע הֶענְט און פִיס, מֶען גֶעבְּט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע 'זִיךְ' פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הַיְנוּ זִוּוּג שֶׁל שַׁבָּת** דָאס

אִיז דִי מַדְרֵגָה פוּן זִיווּג אִין שַׁבָּת, וָואס שַׁבָּת דֶערמָאלְט רוּט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶעס אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְזֶה בְּחִינַת בְּרִית עִלָּאָה דָאס אִיז דִי הֶעכֶערֶע מַדְרֵגָה פוּן דִי צַדִּיקִים אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית, זִוּוּג שֶׁל תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, שֶׁשָּׁם עִקַּר הַהִשְׁתַּחֲוָיָה דִי מַדְרֵגָה פוּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּבְחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ב, ו): 'וַיָּבֹאוּ אֲחֵי יוֹסֵף וַיִּשְׁתַּחֲווּ לוֹ', אוּן עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי בְּרִידֶער פוּן יוֹסֵף אוּן זִיךְ גֶעבּוּקְט צוּ אִים, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי נָאךְ טִיפֶער, 'יוֹסֵף' וַוייזְט אוֹיף 'שְׁמִירַת הַבְּרִית', דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית, יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועט אוּן צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵגָה פוּן יִחוּדָא עִלָּאָה, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, קפד.): 'יוֹסֵף אִיהוּ בְּרִית עִלָּאָה' [יוֹסֵף אִיז דִי הֶעכֶערֶע מַדְרֵגָה אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית], אוּן דִי שְׁבָטִים זַיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי קְלֶענֶערֶע מַדְרֵגָה פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית; דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: 'וַיָּבֹאוּ אֲחֵי יוֹסֵף וַיִּשְׁתַּחֲווּ לוֹ' דִי קְלֶענֶערֶע מַדְרֵגָה פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית זֶענֶען בָּטֵל צוּ דִי הֶעכֶערֶע מַדְרֵגָה אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית; אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט בַּיי 'שְׁמִירַת הַבְּרִית בִּשְׁלֵמוּת', פַאלְט פוּן אִים אַוֶועק דִי 'נִיאוּף אוּן גַּאֲוָה', אוּן דֶערמָאלְט קֶען עֶר אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וֶוערְן (זִיךְ בּוּקְן)

**בְּחִינַת בְּרִית עִלָּאָה, שֶׁשָּׁם עִקַּר הַהִשְׁתַּחֲוָיָה, בִּבְחִינַת (בְּרֵאשִׁית מ"ב): "וַיָּבֹאוּ אֲחֵי יוֹסֵף וַיִּשְׁתַּחֲווּ לוֹ", וְהוּא בְּחִינַת הַדְרַת קֹדֶשׁ, בִּבְחִינַת (דְּבָרִים ל"ג): "בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ".**

**"הָרִיעוּ לַה' כָּל הָאָרֶץ" — זֶה**

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וָואס דָאס אִיז דִי מַדְרֵגָה פוּן יִחוּדָא עִלָּאָה אִין דִי הֶעכְסְטֶע וֶועלְט אִין עוֹלָם הָאֲצִילוּת, וְהוּא בְּחִינַת דֶערמָאלְט קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי מַדְרֵגָה פוּן הַדְרַת קֹדֶשׁ צוּ דִי הֵיילִיגְסְטֶע שֵׁיינְקֵייט, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שֵׁיינְקֵייט, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִכְלָל וֶוערְן אוּן בָּטֵל וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק וָואס עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵגָה - בִּבְחִינַת שְׁטֵייט בַּיי אִים (דְּבָרִים ל"ג, יז): 'בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ' אַ שֵׁיינְקֵייט אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן צוּ אִים; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּצַוֶּה, קפו:): 'מַאן אִיהוּ הָדָר, אֶלָּא דָא צַדִּיק', דָאס אִיז דִי הוֹיכֶע מַדְרֵגָה פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵגָה פוּן יִחוּדָא עִלָּאָה, שְׁמִירַת הַבְּרִית בִּשְׁלֵמוּת, קוּמְט עֶר צוּ זִיךְ צוּ מְבַטֵּל זַיין אִינְגַאנְצְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶע רְפוּאוֹת, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נו, ב): 'הַכֹּל בִּזְכוּת הִשְׁתַּחֲוָיָה', אַלֶע יְשׁוּעוֹת קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ בִּזְכוּת וָואס עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵּל אִינְגַאנְצְן (זִיךְ בּוּקְן) - צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי צוּ דִי צְווייטֶע חֵלֶק פוּן דִי תּוֹרָה, דִי חֵלֶק פוּן 'נִגְלוֹת הַתּוֹרָה', 'הֲלָכָה', וָואס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק: 'הָרִיעוּ לַה' כָּל הָאָרֶץ' דִי גַאנְצֶע עֶרְד

**בְּחִינַת יְחוּדָא תַּתָּאָה, הַיְנוּ זִוּוּג שֶׁל חֹל, שֶׁהוּא בִּבְחִינַת מט"ט, שֶׁשָּׁלְטָנוּתֵהּ שֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. וְזֶה: 'הָרִיעוּ' (לְשׁוֹן תְּרוּעָה וְזִמְרָה), בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָהוּ כ"ד): "מִכְּנַף הָאָרֶץ זְמִרֹת שָׁמַעְנוּ", כִּי מט"ט הוּא בִּבְחִינַת כָּנָף, לְשׁוֹן "וְלֹא יִכָּנֵף עוֹד מוֹרֶיךָ" (שָׁם ל), כִּי בּוֹ מִתְלַבֵּשׁ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל כַּיָּדוּעַ:**

זָאל שַׁאלְן, זִינְגֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זֶה בְּחִינַת יְחוּדָא תַּתָּאָה צוּ וַוייזְן און פַארְשְׁפְּרֵייטְן אַז דִי וֶועלְט, דֶער עוֹלָם הַתַּחְתּוֹן - אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הַיְנוּ דָאס אִיז דִי אַנְדֶערֶע מַדְרֵגָה פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, זִוּוּג שֶׁל חֹל פִירְן דִי שְׁטוּב וְכוּ' אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע טֶעג, זִיךְ הִיטְן און זִיךְ פִירְן מִיט דִי תּוֹרָה, זִיךְ נִישְׁט אֲוֶועקְקֶרִירְן פוּן דִי הֲלָכָה, שֶׁהוּא בִּבְחִינַת מט"ט, שֶׁשָּׁלְטָנוּתֵהּ שֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל וָואס אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע טֶעג הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם מַלְאָךְ מט"ט, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן, עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט מִיט אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם מַלְאָךְ מט"ט, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה וָואס דֶער מַלְאָךְ מט"ט אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי חֵלֶק פוּן נִגְלוֹת הַתּוֹרָה, דִי זֶעקְס סְדָרִים מִשְׁנָיוֹת, און דִי זֶעקְס וֶועגְן וִוי אַזוֹי הֲלָכָה אַרְבֶּעט, כָּשֵׁר און פָּסוּל, אָסוּר און מֻתָּר, טָהוֹר און פָּסוּל, וְזֶה און דֶער מַלְאָךְ מט"ט אִיז מְרוּמָּז אִין דֶעם פָּסוּק, וַוייל 'הָרִיעוּ' דִי טַייטְשׁ פוּן הָרִיעוּ - (לְשׁוֹן תְּרוּעָה וְזִמְרָה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן), דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר מֶער טִיפֶער, אַז 'הָרִיעוּ' דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם 'מַלְאָךְ מט"ט', בִּבְחִינַת וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, יְשַׁעְיָהוּ זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ כ"ד, טז): 'מִכְּנַף הָאָרֶץ זְמִרֹת שָׁמַעְנוּ' עֶס וֶועט אַרוֹיפְגֵיין גֶעזַאנְגֶען פוּן דִי עֶק פוּן דִי וֶועלְט, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז 'זִמְרָה' קוּמְט פוּן 'כְּנַף', און דָאס אִיז דֶער מַלְאָךְ מט"ט, כִּי וַוייל דֶער זוֹהַר הַקּוֹדֶשׁ זָאגְט מט"ט הוּא בִּבְחִינַת כָּנָף דֶער 'מַלְאָךְ מט"ט' אִיז דִי סוֹד פוּן 'כָּנָף', אַ 'פְלִיגְל' וָואס פַארְשְׁטֶעלְט און דֶעקְט צוּ; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקּוּנֵי זוֹהַר (תִּיקּוּן מו, פג.): 'בְּרֵאשִׁית, בָּרָא שִׁית', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן זֶעקְס, 'שִׁית גַּדְפִין', זֶעקְס פְלִיגְלֶען, לְשׁוֹן אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'וְלֹא יִכָּנֵף עוֹד מוֹרֶיךָ' (שָׁם ל, כ) [און עֶס וֶועט זִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן פוּן דִיר דַיינֶע לֶערֶער], אַז לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶער נִישְׁט בַּאהַאלְטְן אִינֶעם קְלֵייד, דָאס מֵיינְט מֶען דֶער מַלְאָךְ מט"ט, כִּי בּוֹ מִתְלַבֵּשׁ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל כַּיָּדוּעַ: וַוייל מִיטְן מַלְאָךְ מט"ט בַּאנִיצְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, כַּיָּדוּעַ, אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה), 'כִּי שְׁמִי בְּקִרְבּוֹ' דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז בַּאהַאלְטְן אִין דֶעם מַלְאָךְ, וַוייל 'מט"ט' בַּאטְרֶעפְט 'שַׁדַּ"י'. און דָאס לִיגְט אִינֶעם פָּסוּק הָ'רִיעוּ לַ'ה כָּ'ל הָ'אָרֶץ - אַז אֲפִילוּ אִין 'אֶרֶץ', דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט וָואס אִיז אַלְץ נָאךְ אוּנְטֶער דִי 'טֶבַע', אוּנְטֶער דֶער שְׁלִיחַ 'מַלְאָךְ מט"ט', וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת

הֲלָכָ"ה, 'מִכְּנַף הָאָרֶץ' דָאס אִיז יְחוּדָא תַּתָּאָה, דִי וֶועלְט, וָואס אִיז צוּגֶעדֶעקְט מִיט דִי 'כָּנָף', מִיטְן 'מַלְאָךְ מט"ט'; אֲפִילוּ פוּן דָארְט - 'זְמִירוֹת שָׁמַעְנוּ', הֶערְט מֶען דָאס גֶעזַאנְג, עֶס שַׁיינְט אַרוֹיס דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז מְחַיֶּ' וּמְהַוֶּה יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ פוּן דִי וֶועלְט, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ 'וְהָיוּ עֵינֶיךָ רֹאוֹת אֶת מוֹרֶיךָ', צוּ זֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, אוּן צוּ וִויסְן אַז דֶער מַלְאָךְ מט"ט אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**ז וְזֶה בְּחִינַת רָזִין, וְרָזִין דְּרָזִין.** רָזִין — הוּא בְּחִינַת הֲלָכָה, רָזִין דְּרָזִין — הוּא בְּחִינַת קַבָּלָה; הִתְלַבְּשׁוּת הַקַּבָּלָה בַּהֲלָכָה — הוּא בְּחִינַת הַנְהָגַת הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל, שֶׁהוּא בְּחִינַת יְחוּדָא

ז **וְזֶה** אוּן דָאס וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר גֶעזָאגְט, אַז 'יְחוּדָא עִלָּאָה' אִיז 'קַבָּלָה', אוּן 'יְחוּדָא תַּתָּאָה' אִיז 'הֲלָכָה', **בְּחִינַת** 'רָזִין' אִין דֶעם אִיז אוֹיךְ מְרוּמָּז דִי זַאךְ פוּן 'סוֹדוֹת הַתּוֹרָה', וְ'רָזִין דְּרָזִין' אוּן דִי 'גָאר טִיפֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה'. **רָזִין — הוּא בְּחִינַת הֲלָכָה** 'סוֹדוֹת הַתּוֹרָה' דָאס אִיז 'הֲלָכָה', וַוייל אוֹיךְ אִין דִי הֲלָכָה, אִין דִי פְּשָׁטוּת דְאוֹרַיְיתָא - אִיז אוֹיךְ בַּאהַאלְטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וִוילְן, נָאר עֶס אִיז גָאר בַּאהַאלְטְן, עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶס אִיז דָא אִין דֶעם סוֹדוֹת, **'רָזִין דְּרָזִין' — הוּא בְּחִינַת 'קַבָּלָה'** אוּן 'קַבָּלָה' דָאס אִיז 'גָאר טִיפֶע סוֹדוֹת', אִין חָכְמַת הַקַּבָּלָה זֶעט מֶען אָפְן אַז מֶען רֶעדְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען בֵּיידֶע - סַיי 'נִגְלֶה' אוּן סַיי 'נִסְתָּר' - 'הוֹילֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה'; **הִתְלַבְּשׁוּת הַקַּבָּלָה בַּהֲלָכָה** וַוייל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה — **הוּא בְּחִינַת הַנְהָגַת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל** דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דִי וֶועלְט וִוי אַזוֹי עֶס פִירְט זִיךְ דִי 'זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ', **שֶׁהוּא בְּחִינַת יְחוּדָא תַּתָּאָה** וָואס דָאס אִיז 'יְחוּדָא תַּתָּאָה', אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט; אַז אוֹיךְ אִין דִי 'זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ', וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'הֲלָכָה' - אִיז אוֹיךְ אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן 'קַבָּלָה', 'סוֹדוֹת הַתּוֹרָה'; וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּטֵיילְן הֲלָכָה פוּן קַבָּלָה, אַלֶעס אִיז אֵיין זַאךְ, אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דִי תּוֹרָה אַז דוּרךְ יְחוּדָא עִלָּאָה אוּן יְחוּדָא תַּתָּאָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ, מֶען זֶעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ; אַז אִין יֶעדֶע הֲלָכָה, אִין יֶעדֶע דִין אוּן אִין יֶעדֶע מִנְהָג - דָארְט אִיז אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **וְכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל** אוּן יֶעדֶער אִיד **צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה נַעֲשֶׂה זֹאת עַל יָדוֹ** דַארְף זֶען אַז דוּרךְ אִים זָאל וֶוערְן גֶעאֵיינְצִיגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִין אַלֶע וֶועלְטְן, דָאס מֵיינְט מֶען זָאל צוּבִּינְדְן אוּן צַאמְפְּלֶעכְטְן אִינְאֵיינֶעם 'יְחוּדָא עִלָּאָה' מִיט 'יְחוּדָא תַּתָּאָה', מֶען זָאל צַאמְבְּרֶענְגֶען 'הֲלָכָה' מִיט 'קַבָּלָה', צַאמְבְּרֶענְגֶען דִי 'גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע עוֹלָם הַזֶּה' מִיטְן 'הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער', אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית, כז.), אַז 'חֲנוֹךְ' אִיז דֶער 'מַלְאָךְ מט"ט', אוּן דִי

תַּתָּאָה. וְזֶה בְּחִינַת: (סִיּוּם הַפָּסוּק מִכְּנַף הָאָרֶץ הַנַּ"ל) "צְבִי לַצַּדִּיק רָזִי-לִי רָזִי-לִי". 'צְבִי לַצַּדִּיק' — הַיְנוּ בְּחִינַת קְדֻשַּׁת הַזִּוּוּג, יֵשׁ בּוֹ שְׁנֵי רָזִין, הַיְנוּ יִחוּדָא עִלָּאָה וְיִחוּדָא תַּתָּאָה, שֶׁהֵם בְּחִינַת הֲלָכָה וְקַבָּלָה, בְּחִינַת רָזִין וְרָזִין דְּרָזִין:

וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (חֻלִּין ס.): "יְהִי"

הייליגע חֲכָמִים זאגן (מִדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת, עֵרֶךְ חֲנוֹךְ), אַז חֲנוֹךְ איז געווען אַ שוסטער און ווען ער האט צאמגענייט די שיך, ביי יעדע ניי, יעדעס מאל ווען ער האט אריינגעשטעקט דעם נאדל מיטן פאדעם, האט ער געזאגט: 'בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד', וואס דאס איז 'יִחוּדָא תַּתָּאָה', צובינדן און צאמברענגען יעדע זאך פון די גַשְׁמִיּוּת'דיגע וועלט צום הייליגן באשעפער. וְזֶה בְּחִינַת און דאס איז וואס שטייט (סִיּוּם הַפָּסוּק אין די אויספיר פונעם פָּסוּק וואס יְשַׁעְיָ' הַנָּבִיא זאגט 'מִכְּנַף הָאָרֶץ' הַנַּ"ל וואס דער רבי האט פריער געברענגט, 'זְמִרֹת שָׁמַעְנוּ' מיר נְבִיאִים האבן געהערט אַ געזאנג גייט ארויף פון די עק פון די לאנד) שטייט דארט ווייטער אין פָּסוּק: 'צְבִי לַצַּדִּיק' אַ שיינקייט וועט קומען פאר יעדן צַדִּיק; 'וָאוֹמַר', האב איך יְשַׁעְיָהוּ געזאגט: 'רָזִי לִי רָזִי לִי' צוויי סוֹדוֹת זענען מיר אנטפלעקט געווארן, איין סוֹד פון שטראפונג און איין סוֹד פון יְשׁוּעוֹת, 'אוֹי לִי' ווי איז צו מיר, ווייל איך ווייס אַז ערשט וועט קומען די נְבוּאָה פון די שטראף און ערשט שפעטער וועט קומען די יְשׁוּעָה; טייטשט דער רבי מער טיפער: 'צְבִי לַצַּדִּיק' - ווער איז דער צַדִּיק? הַיְנוּ בְּחִינַת קְדֻשַּׁת הַזִּוּוּג דער צַדִּיק וואס האלט ביי שְׁמִירַת הַבְּרִית בִּשְׁלֵמוּת, אזוי ווי דער הייליגער זוהר זאגט (ויצא, קסב.): 'מַאן דְּנָטַר בְּרִית' דער וואס היט אפ שְׁמִירַת הַבְּרִית - 'צַדִּיק אִתְקְרֵי', ווערט אנגערופן צַדִּיק, און דאס איז וואס דער פָּסוּק זאגט: 'רָזִי לִי רָזִי לִי', ווייל אין שְׁמִירַת הַבְּרִית יֵשׁ בּוֹ שְׁנֵי רָזִין איז דא צוויי סוֹדוֹת, צוויי מַדְרֵיגוֹת, הַיְנוּ 'יִחוּדָא עִלָּאָה' עס איז דא קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, די מַדְרֵגָה פון 'צַדִּיקִים' וְכוּ', וְ'יִחוּדָא תַּתָּאָה' און שְׁמִירַת הַבְּרִית אזוי ווי 'פָּשׁוּט'ע מענטשן', שֶׁהֵם בְּחִינַת 'הֲלָכָה' וְ'קַבָּלָה' די וואס פירן די שְׁטוּב וְכוּ' אין די זעקס טעג פון די וואך, דאס ווערט אנגערופן הֲלָכָה, בְּחִינַת 'רָזִין' און די ווערן אויך אנגערופן נוֹטְרֵי בְּרִית, ווייל זיי געבן אכטונג צו גיין לויט די הֲלָכָה, זיי פירן זיך לויטן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, און אויך די איינגעלייט וואס פירן די שְׁטוּב וְכוּ' אין די זעקס טעג פון די וואך, טארן זיך נישט אראפקלאפן וְכוּ', זיי דארפן וויסן אַז זיי זענען אויך בבחינת צַדִּיקִים, און דער נָבִיא האט זיי אויך געמיינט ווען ער האט געזאגט 'צְבִי לַצַּדִּיק', אַ שיינקייט וועט קומען צו די צַדִּיקִים, 'רָזִי לִי רָזִי לִי'. און די צווייטע סוֹד איז די וועג פון 'קַבָּלָה' וואס דאס איז וְ'רָזִין דְּרָזִין', די העכערע מַדְרֵגָה פון קַבָּלָה און סוֹדוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה.

וְזֶה יעצט וועט דער רבי צאמפלעכטן די גאנצע תּוֹרָה, שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה די הייליגע חֲכָמִים זאגן (חֻלִּין ס.)

כְּבוֹד ה' לְעוֹלָם", שַׂר הָעוֹלָם אָמְרוֹ. בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לָאִילָנוֹת לְמִינֵהוּ, נָשְׂאוּ דְּשָׁאִים קַל־וָחֹמֶר בְּעַצְמָן: מָה אִילָנוֹת, שֶׁהֵם גְּבוֹהִים וְאֵינָם תְּכוּפִים, אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְמִינֵהוּ, כָּל שֶׁכֵּן אֲנַן, שֶׁאָנוּ קְטַנִּים וּתְכוּפִים, שֶׁצְּרִיכִים לָצֵאת לְמִינֵהוּ. פָּתַח שַׂר הָעוֹלָם וְאָמַר: "יְהִי כְבוֹד ה' לְעוֹלָם". כִּי בֶּאֱמֶת גַּם הַגְּדוֹלִים, שֶׁזִּוּוּגָן אֵינָם תְּכוּפִים, רַק מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, גַּם לָהֶם הַזְהִירָה

אויפן פָּסוּק: 'יְהִי כְבוֹד ה' לְעוֹלָם יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו' [דֶעמָאלט וֶועט דֶעם אֵייבֶּערשְׁטְנ'ס כָּבוֹד זַיין בִּיז אֵייבִּיג, דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זַיינֶע מַעֲשִׂים], שַׂר הָעוֹלָם אֲמָרוֹ דֶער פָּסוּק הָאט דֶער שַׂר פוּן דִי וֶועלְט גֶעזָאגְט, וֶוען הָאט עֶר עֶס גֶעזָאגְט? וֶוען דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לָאִילָנוֹת אִין דִי צַייט וָואס דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי בֵּיימֶער (בְּרֵאשִׁית א, יב): 'וְעֵץ עֹשֶׂה פְּרִי אֲשֶׁר זַרְעוֹ בוֹ לְמִינֵהוּ' 'לְמִינֵהוּ', דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער הָאט זֵיי בַּאפוֹילְן אַז יֶעדֶע בּוֹים זָאל אַרוֹיסְוַואקְסְן אָפְּגֶערוּקְט פוּנֶעם צְוֵוייטְן בּוֹים אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אוֹיסְגֶעמִישְׁט אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן, נָשְׂאוּ דְּשָׁאִים קַל וָחֹמֶר בְּעַצְמָן הָאבְּן דִי גְרָאז גֶעמַאכְט אַ קַל וָחֹמֶר: מָה אִילָנוֹת שֶׁהֵם גְּבוֹהִים מַה דָאךְ דִי בֵּיימֶער וָואס זֶענֶען הוֹיךְ, וְאֵינָם תְּכוּפִים אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָאט דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער זֵיי בַּאפוֹילְן 'לְמִינֵהוּ' אַז יֶעדֶע מִין זָאל זַיין בַּאזוּנְדֶער אוּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעמִישְׁט, כָּל שֶׁכֵּן אֲנַן אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי אוּנְז, שֶׁאָנוּ קְטַנִּים וּתְכוּפִים וָואס מִיר זֶענֶען קְלֵיינְטְשִׁיג אוּן זֵייעֶר נָאנְט אֵיינְס נֶעבְּן צְוֵוייטְן, שֶׁצְּרִיכִים לָצֵאת לְ'מִינֵהוּ' אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְצוּמִישְׁן. דֶעמָאלְט וֶוען דִי גְרָאז הָאבְּן דָאס גֶעזָאגְט פָּתַח שַׂר הָעוֹלָם וְאָמַר הָאט דֶער שַׂר פוּן דִי וֶועלְט גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק: 'יְהִי כְבוֹד ה' לְעוֹלָם יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו' דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זַיינֶע וֶוערְק, אַז אַלֶע זֶענֶען מְדַקְדֵּק צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט דָאס נִישְׁט בְּפֵירוּשׁ בַּאפוֹילְן.

**גֵייט** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַסְבִּיר זַיין מֶער טִיפֶער; אַז דִי צְוֵויי זַאכְן, דִי 'בֵּיימֶער' מִיט דִי 'גְרָאזֶעלֶעךְ', דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי צְוֵויי מַדְרֵיגוֹת אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית, דִי הוֹיכֶע מַדְרֵגָה פוּן דִי 'צַדִּיקִים' וָואס זֶענֶען אַזוֹי ווִי 'בֵּיימֶער', דִי צַדִּיקִים וָואס גֵייעֶן מִיט אַ קוֹמָה זְקוּפָה, מִיט 'יִחוּדָא עִלָּאָה', זֵיי זֶענֶען דָבוּק צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דִי אַנְדֶערֶע מַדְרֵגָה, פוּן דִי 'פָּשׁוּט'ֶע מֶענְטְשְׁן' וָואס זֶענֶען אַזוֹי ווִי 'גְרָאזֶעלֶעךְ', פַארְקְוֶועטְשְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי וֶועלְט, כִּי בֶּאֱמֶת גַּם הַגְּדוֹלִים וַוייל אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, שֶׁזִּוּוּגָן אֵינָם תְּכוּפִים וָואס זֵייעֶר זִוּוּג אִיז נִישְׁט אַזוֹי נָאנְט, רַק מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת זֵיי לֵייגְן דָאס אַוֶועק פוּן שַׁבָּת צוּ שַׁבָּת [אִין דִי כְּתָב יַד שְׁטֵייט: מִלֵּיל שַׁבָּת לְלֵיל

הַתּוֹרָה עַל שְׁמִירַת הַבְּרִית, שֶׁיִּשְׁמְרוּ אֶת עַצְמָן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת ל"א): "וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת" — רָאשֵׁי־תֵבוֹת בִּיאָה, כַּמּוּבָא בַּכַּוָּנוֹת; הַיְנוּ אַף־עַל־פִּי שֶׁזִּוּוּגוֹ הוּא רַק מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אַף־עַל־פִּי־כֵן צָרִיךְ שְׁמִירָה גְּדוֹלָה, בְּחִינַת וְשָׁמְרוּ וְכוּ'; כָּל שֶׁכֵּן הַקְּטַנִּים, שֶׁהֵם בְּחִינַת דְּשָׁאִין, שֶׁזִּוּוּגָם תְּכוּפִים, גַּם בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל, מִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁצְּרִיכִים שְׁמִירָה גְּדוֹלָה לִשְׁמֹר אֶת בְּרִיתָם, שֶׁיִּשְׁמְרוּ אֶת עַצְמָם עַל־פִּי הַתּוֹרָה, בִּבְחִינַת לְמִינֵיהֶם. מִיָּד כְּשֶׁשָּׁמַע שַׂר הָעוֹלָם — שֶׁהוּא מט"ט, שֶׁשַּׁלְטָנוּתֵהּ שֵׁשֶׁת יְמֵי

שַׁבָּת], גַּם לָהֶם אויך צו זיי הִזְהִירָה הַתּוֹרָה עַל שְׁמִירַת הַבְּרִית ווָארְנְט די תּוֹרָה אָן זיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אויף שְׁמִירַת הַבְּרִית, שֶׁיִּשְׁמְרוּ אֶת עַצְמָן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּהִיטְן נִישְׁט צוּ אָפְּטְרֶעטְן פוּן דִי תּוֹרָה; ווַייל אויךְ דִי ווָאס זֶענֶען עוֹסֵק אִין חָכְמַת הַקַּבָּלָה, אִין רוּחָנִיּוּת אֱלֹקוּת - דַארְפְן זִיךְ אויךְ זֵייעֶר הִיטְן, זִיךְ פִירְן מִיט פְּשָׁטוּת הַתּוֹרָה, אויךְ זֵיי דַארְפְן אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דִי תּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת ל"א, טז): 'וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת' דִי אִידְן זָאלְן אָפְּהִיטְן דֶעם שַׁבָּת - רָאשֵׁי תֵּבוֹת דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק בִּיאָה אִיז דִי ווָארְט בִּיאָה, כַּמּוּבָא בַּכַּוָּנוֹת אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (לִקּוּטֵי תּוֹרָה, פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא) אַז שַׁבָּת, 'כִּי אָז הַזִּיווּג הַמֻּבְחָר'; הַיְנוּ דִי תּוֹרָה זָאגְט זֵיי אַף עַל פִּי שֶׁזִּוּוּגוֹ הוּא רַק מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת אֲפִילוּ דִי ווָאס שְׁטֶעלְן אוֹיס דִי שְׁטוּב וְכוּ' מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת אַף עַל פִּי כֵן צָרִיךְ שְׁמִירָה גְּדוֹלָה, דַארְפְן אויךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן זִיךְ פִירְן לוֹיט דִי הֲלָכָה, בְּחִינַת אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְשָׁמְרוּ וְכוּ' אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁמִירָה; דָאס אִיז ווָאס עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי 'בֵּיימֶער' דִי ווָארְט 'לְמִינֵהוּ', אַז אֲפִילוּ דִי בֵּיימֶער ווָאס דָאס אִיז מְרַמֵּז אויף דִי 'צַדִּיקִים', ווָאס זֶענֶען נִישְׁט צַאמְגֶעשְׁטוּפְּט דַארְפְן זִיךְ אויךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן זִיךְ פִירְן – 'לְמִינֵהוּ' נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דִי 'הֲלָכָה', כָּל שֶׁכֵּן אִיז דָאךְ זִיכֶער, הַקְּטַנִּים שֶׁהֵם בְּחִינַת דְּשָׁאִין דִי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן ווָאס ווֶערְן אָנְגֶערוּפְן גְרָאזֶעלֶעךְ, פַארְווָאס זֶענֶען זֵיי גְרָאזֶעלֶעךְ? שֶׁזִּוּוּגָם תְּכוּפִים גַּם בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל ווַייל זֵייעֶר זִיווּג אִיז נָאנְט, טָאג נָאךְ טָאג, אויךְ אִין דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי ווָאךְ, אַזוֹי ווִי גְרָאזֶעלֶעךְ ווָאס זֶענֶען צַאמְגֶעשְׁטוּפְּט נָאנְט אֵיינְס צוּם צְווֵייטְן, מִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁצְּרִיכִים שְׁמִירָה גְּדוֹלָה אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר אָפְּהִיטְן לִשְׁמֹר אֶת בְּרִיתָם זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית, שֶׁיִּשְׁמְרוּ אֶת עַצְמָם עַל פִּי הַתּוֹרָה אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּנֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, בִּבְחִינַת אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן לְמִינֵיהֶם יֶעדֶער מִין פַאר זִיךְ אוּן נִישְׁט טוּן קֵיין עֲבֵירוֹת. מִיָּד כְּשֶׁשָּׁמַע שַׂר הָעוֹלָם אַזוֹי ווִי דֶער שַׂר הָעוֹלָם הָאט דָאס גֶעהֶערְט, ווֶער אִיז דֶער שַׂר הָעוֹלָם? - שֶׁהוּא מט"ט דָאס אִיז דֶער מַלְאָךְ מט"ט, אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י זָאגְט

**הַחֹל, בְּחִינַת דְּשָׁאִים, בְּחִינַת יִחוּדָא תַּתָּאָה; פָּתַח וְאָמַר: "יְהִי כְבוֹד ה'" — כְּבוֹד דַּיְקָא, כִּי עַל-יְדֵי שְׁמִירַת הַבְּרִית בִּשְׁנֵי הַבְּחִינוֹת הַנַּ"ל, הַכָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת כַּנַּ"ל.**

**נִמְצָא, שֶׁעַל-יְדֵי שְׁמִירַת הַבְּרִית בִּשְׁנֵי הַבְּחִינוֹת הַנַּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת יִחוּדָא עִלָּאָה וְיִחוּדָא תַּתָּאָה, הַיְנוּ מֵאִילָנוֹת וּדְשָׁאִים, גְּדוֹלִים וּקְטַנִּים, זִוּוּג שֶׁל שַׁבָּת וְזִוּוּג שֶׁל חֹל, בְּחִינַת הֲלָכָה וְקַבָּלָה, רָזִין וְרָזִין דְּרָזִין — אֲזַי הַכָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת כַּנַּ"ל; וְעַל-יְדֵי הַכָּבוֹד זוֹכֶה לְדִבּוּר הַמֵּאִיר, וְעַל-יְדֵי הַדִּבּוּר יָכוֹל לָבוֹא לִתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ כַּנַּ"ל:**

דָארְט (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'שַׂר הָעוֹלָם'), **אַז** 'שַׂר הָעוֹלָם' דָאס אִיז דֶער 'מַלְאָךְ הַמְּמֻנֶּה', אוּן תּוֹסְפוֹת זָאגְט דָארְט (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'פָּסוּק זֶה'), אַז 'מַלְאָךְ הַמְּמֻנֶּה' דָאס אִיז דֶער 'מַלְאָךְ מט"ט', שֶׁשְּׁלִטְנוּתֵהּ שֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי וָואכְן טֶעג, בְּחִינַת דְּשָׁאִים אוֹיף דִי אַלֶע וָואס פִירְן זֵייעֶר שְׁטוּב אַזוֹי וִוי דִי גְרָאזֶעלֶעךְ, בְּחִינַת **יִחוּדָא** תַּתָּאָה; בְּחִינַת יִחוּדָא תַּתָּאָה, אִין דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, טָאג נָאךְ טָאג, זֵיי הִיטְן שְׁמִירַת הַבְּרִית לוֹיט דִי הֲלָכָה, אוּן וֶוען דֶער מַלְאָךְ מט"ט הָאט גֶעזֶען אַז אוֹיךְ דִי גְרָאזֶעלֶעךְ זֶענֶען זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - **פָּתַח וְאָמַר** הָאט עֶר גֶעזָאגְט: 'יְהִי כְבוֹד ה'' - אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס כָּבוֹד אִיז גְרוֹיס אוֹיף דִי וֶועלְט, 'כְּבוֹד' **דַּיְקָא** עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי וָוארְט 'כָּבוֹד', כִּי עַל יְדֵי שְׁמִירַת הַבְּרִית בִּשְׁנֵי הַבְּחִינוֹת וַוייל אַז מֶען הִיט אָפּ אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ מִיט בֵּיידֶע וֶועגְן, הַנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, הַכָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת כַּנַּ"ל, דֶעמָאלְט וֶוערְט גַאנְץ דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶוערְט אַ יִחוּד פוּן 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל' אוּן 'בָּרוּךְ שֵׁם', 'יִחוּדָא עִלָּאָה' אוּן 'יִחוּדָא תַּתָּאָה', דִי 'צַדִּיקִים' אוּן דִי 'תַּלְמִידִים', 'יוֹסֵף הַצַּדִּיק' אוּן דִי 'בְּרִידֶער' (אוֹת ו).

**נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס, שֶׁעַל יְדֵי שְׁמִירַת הַבְּרִית אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען הִיט אָפּ אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, בִּשְׁנֵי הַבְּחִינוֹת הַנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה), יֶעדֶער אִין זַיין מַדְרֵגָה, שֶׁהוּא **בְּחִינַת יִחוּדָא עִלָּאָה** סַיי דִי צַדִּיקִים, וְ**יִחוּדָא תַּתָּאָה** אוּן סַיי דִי אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים, הַיְנוּ מֵאִילָנוֹת וּדְשָׁאִים דִי בֵּיימֶער אוּן דִי גְרָאזְן, גְּדוֹלִים וּקְטַנִּים דִי גְרוֹיסֶע אוּן דִי קְלֵיינֶע, זִוּוּג שֶׁל שַׁבָּת וְזִוּוּג שֶׁל חֹל סַיי דִי וָואס פִירְן דִי שְׁטוּב וְכוּ' אוֹיךְ אִין דִי וָואכְן, בְּחִינַת הֲלָכָה וְקַבָּלָה, רָזִין וְרָזִין דְּרָזִין - **אֲזַי** הַכָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת וֶוערְט גַאנְץ דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ג); וְעַל יְדֵי הַכָּבוֹד זוֹכֶה לְדִבּוּר הַמֵּאִיר דוּרְכְדֶעם אִיז דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה אַז עֶס שַׁיינְט אוּן עֶס לַייכְט אִים זַיינֶע רֵייד וָואס עֶר רֶעדְט אִין תּוֹרָה אוּן דוּרְכְדֶעם וֵוייסְט עֶר וואוּ עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, וְעַל יְדֵי הַדִּבּוּר אוּן דוּרְךְ זַיין דִיבּוּר וָואס שַׁיינְט, אַזוֹי אִיז עֶר זוֹכֶה יָכוֹל **לָבוֹא** לִתְבוּנוֹת הַתּוֹרָה לְעָמְקָהּ צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**וְזֶה שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר־חָנָה: זִמְנָא חֲדָא הֲוֵי אָזְלִינַן בִּסְפִינְתָּא, וַחֲזָאִי לְהַאי צִפַּרְתָּא, דַּהֲוֵי קָאֵי עַד קַרְסֻלֵּהּ בְּמַיָּא, וְרֵישֵׁהּ בִּרְקִיעַ. וְאָמְרִינַן: לֵית מַיָּא, וּבָעֵינַן לְמֵיחַת לְאַקּוּרֵי נַפְשִׁין. נְפַק בְּרַת־קָלָא וְאָמַר לָן: לָא תֵּחוּתוּ לְהָכָא, דִּנְפַלָא לֵהּ חֲצִינָא לְבַר־נַגָּרָא הָכָא הָא שֶׁבַע שְׁנִין, וְלָא מָטֵי לְאַרְעָא. וְלָא מִשּׁוּם דִּנְפִישָׁא מַיָּא, אֶלָּא מִשּׁוּם דְּרְדִיפָא מַיָּא. אָמַר רַב אָשֵׁי:**

אִיבֶּעראָל; מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי ל"ט מַלְקוֹת אוּן עֶס ווערְט טַ"ל אוֹרוֹת, אַ טוֹי פוּן לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס ווערְט אִים לִיכְטִיג, עֶס ווערְט זִיס דָאס לֶעבְן, עֶר ווערְט אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ, עֶס ווערְט בּוֹ עַז, צְווֵיי מָאל ל"ט אִיז בְּגִימַטְרִיָּא ע"ז, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ד).

*

[דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ה) אַז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים פָּארְגֶעהַאלְטְן פַּארְוָואס עֶר לֵייגְט נִישְׁט צוּ הַארְץ צוּ זַיינֶע ווערְטֶער, עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל צוּלֵייגְן הַארְץ צוּ זַיינֶע ווערְטֶער, אוּן עֶר וֶועט אִים אַנְטְפְּלֶעקְן ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן.]

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי צַאמְפְּלֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה.

**וְזֶה** שֶׁ'**אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה**' אוּן דָאס אַלֶעס לִיגְט אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא עג:): '**זִמְנָא חֲדָא הֲוֵי אָזְלִינַן בִּסְפִינְתָּא**' אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף, '**וַחֲזָאִי לְהַאי צִפַּרְתָּא**' אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ פֵייגְל אִין וַואסֶער, '**דַּהֲוֵי קָאֵי עַד קַרְסֻלֵּהּ בְּמַיָּא**' דִי פֵייגְל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין וַואסֶער בִּיז דִי קְנֶעכְל, '**וְרֵישֵׁהּ בִּרְקִיעַ**' אוּן דִי קָאפּ פוּן דִי פֵייגְל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז דִי הִימְל. '**וְאָמְרִינַן**' הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: '**לֵית מַיָּא**' דִי וַואסֶער דָא אִיז נִישְׁט אַזוֹי טִיף, ווִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דִי וַואסֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אִיר קְנֶעכְל, '**וּבָעֵינַן לְמֵיחַת**' אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אִין וַואסֶער, '**לְאַקּוּרֵי נַפְשִׁין**' זִיךְ אָפְּצוּקִילְן. '**נְפַק בְּרַת קָלָא**' אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל '**וְאָמַר לָן**' אוּן גֶעזָאגְט: '**לָא תֵּחוּתוּ לְהָכָא**' גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין דִי וַואסֶער, ווַייל דִי וַואסֶער אִיז זֵייעֶר טִיף אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, '**דִּנְפַלָא לֵהּ חֲצִינָא**' ווַייל עֶס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אַ הַאק '**לְבַר נַגָּרָא**' פוּן אַ שְׁנִיצֶער '**הָכָא**' דָא אִין וַואסֶער, '**הָא שֶׁבַע שְׁנִין**' פַאר זִיבְּן יָאר צוּרִיק, '**וְלָא מָטֵי לְאַרְעָא**' אוּן דִי הַאק אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז צוּ דֶער עֶרְד פוּן אוּנְטֶער דִי וַואסֶער. '**וְלָא מִשּׁוּם דִּנְפִישָׁא מַיָּא**' אוּן נִישְׁט נָאר צוּלִיב דֶעם וָואס עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וַואסֶער אִיז דִי הַאק נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, '**אֶלָּא מִשּׁוּם דְּרְדִיפָא מַיָּא**' נָאר אוֹיךְ ווִיבַּאלְד דִי וַואסֶער לוֹיפְט דָארְט זֵייעֶר שְׁנֶעל; דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וַואסֶער. '**אָמַר רַב אָשֵׁי**' הָאט רַב אָשֵׁי גֶעזָאגְט: '**הַאי**' דִי פֵייגֶעלֶע

הַאי, זִיז שָׂדַי הוּא, דִּכְתִיב: "וְזִיז שָׂדַי עִמָּדִי":

רַשְׁבַּ"ם:

**וְחָזֵינַן לְהַאי צִפַּרְתָּא וְכוּ'** — הָכֵי גָּרְסִינַן. **וְאָמְרִינַן לֵיכָּא מַיָּא** — הַיְינוּ סְבוּרִין שֶׁאֵינָן עֲמֻקִּין, הוֹאִיל וְלֹא קָאֵי בַּמַּיִם אֶלָּא עַד קַרְסוּלֵיהּ. **חֲצִינָא** — גַּרְזֶן אוֹ מַעֲצָד. **לְבַר נַגָּרָא** — חָרַשׁ עֵצִים. **וְלָא מִשּׁוּם דַּעֲמִיקָא מַיָּא** — מַהֲלַךְ שֶׁבַע שָׁנִים לֹא הִגִּיעַ הַחֲצִינָא לַקַּרְקַע. **אֶלָּא מִשּׁוּם דִּרְדִיפֵי מַיָּא** — מִתּוֹךְ חֲרִיפוּת הַנָּהָר לֹא הָיָה נִצְלָל עֲדַיִן, וְלֹא מֵחֲמַת הָעֹמֶק בִּלְבַד. **וְזִיז שָׂדַי עִמָּדִי** — רֹאשׁוֹ מַגִּיעַ לָרָקִיעַ:

**צִפַּרְתָּא** — זֶה בְּחִינַת הַדִּבּוּר, שֶׁהוּא אֶמְצָעִי בֵּין הָאָדָם, שֶׁהוּא נִתְהַוֶּה מִמַּיִין דּוּכְרִין וְנוּקְבִין, וּבֵין הַשָּׁמַיִם, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה, כַּמּוּבָא (וַיִּקְרָא

וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזֶען, 'זִיז שָׂדַי הוּא' וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן זִיז שָׂדַי, וָואס דִי קָאפּ פוּן דִי פֵייגֶעלֶע קוּמְט אָן בִּיזְן הִימְל, בִּיז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִּכְתִיב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (תְּהִלִּים נ, יא): 'יָדַעְתִּי כָּל עוֹף הָרִים' אִיךְ וֵוייס אַלֶע פֵייגְל פוּן דִי בֶּערְג, 'וְזִיז שָׂדַי עִמָּדִי' 'וְזִיז שָׂדַי עִמָּדִי', אוּן דִי פֵייגֶעלֶע זִיז שָׂדַי 'עִמָּדִי' אִיז מִיט מִיר, ווַייל אִיר קָאפּ קוּמְט אָן בִּיזְן הִימְל.

רַשְׁבַּ"ם זָאגְט דֶער רַשְׁבַּ"ם: חָזֵינַן לְהַאי **צִפַּרְתָּא** וְכוּ'. הָכֵי גָּרְסִינַן אַזוֹי זָענֶען מִיר גוֹרֵס. **וְאָמְרִינַן לֵיכָּא מַיָּא.** הַיְינוּ סְבוּרִין שֶׁאֵינָן עֲמֻקִּין מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז דִי וַואסֶער אִיז נִישְׁט טִיף, הוֹאִיל וְלֹא קָאֵי בַּמַּיִם אֶלָּא עַד קַרְסוּלֵיהּ ווִיבַּאלְד דִי וַואסֶער קוּמְט נָאר אָן בִּיז אִיר קְנֶעכְל. **חֲצִינָא.** גַּרְזֶן אוֹ מַעֲצָד אַ הַאק אָדֶער אַ שָׁאווְל. **לְבַר נַגָּרָא.** חָרַשׁ עֵצִים אַ שְׁנִיצֶער, אֵיינֶער וָואס שְׁנִיצְט הָאלְץ. **וְלָא מִשּׁוּם דַּעֲמִיקָא מַיָּא.** מַהֲלַךְ שֶׁבַע שָׁנִים לֹא הִגִּיעַ הַחֲצִינָא לַקַּרְקַע נָאךְ זִיבְּן יָאר אִיז דִי הַאק נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶער עֶרְד. **אֶלָּא מִשּׁוּם דִּרְדִיפֵי מַיָּא.** מִתּוֹךְ חֲרִיפוּת הַנָּהָר ווִיבַּאלְד דִי וַואסֶער לוֹיפְט דָארְט זֵייעֶר שְׁנֶעל, לֹא הָיָה נִצְלָל עֲדַיִן אִיז דִי הַאק נָאכְנִישְׁט אַיינְגֶעזִינְקֶען גֶעוָוארְן, וְלֹא מֵחֲמַת הָעֹמֶק בִּלְבַד נִישְׁט נָאר אַלְס דִי טִיפְקֵייט. **וְזִיז שָׂדַי עִמָּדִי.** רֹאשׁוֹ מַגִּיעַ לָרָקִיעַ אִיר קָאפּ הָאט דֶערְגְרֵייכְט בִּיז דֶעם הִימְל.

**'צִפַּרְתָּא'** דִי פֵייגֶעלֶע וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזֶען - זֶה בְּחִינַת הַדִּבּוּר דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם דִיבּוּר, שֶׁהוּא אֶמְצָעִי וָואס אִיז צְווִישְׁן בֵּין הָאָדָם דֶעם מֶענְטְשׁ - שֶׁהוּא נִתְהַוֶּה מִמַּיִין דוּכְרִין וְנוּקְבִין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן פוּן טַאטֶע מַאמֶע - וּבֵין הַשָּׁמַיִם אוּן דִי הִימְל; דָאס מֵיינְט מֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ מִיט זַיין דִיבּוּר בִּינְדְט עֶר זִיךְ צוּ צוּם הִימְל, צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה דֶער מֶענְטְשׁ קֶען מִיט זַיין דִיבּוּר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז אַ פֵייגֶעלֶע מֵיינְט רֶעדְן, **כַּמּוּבָא** אַזוֹי ווִי

רַבָּה ט"ז וּבְעֶרְכִין טז:) **עַל מְצֹרָע שֶׁצָּרִיךְ לְהָבִיא שְׁתֵּי צִפֳּרִים: 'יָבוֹא פַּטְפְּטַיָּא וִיכַפֵּר עַל פַּטְפְּטַיָּא'. וְזֶהוּ: דְּקָאֵי עַד קַרְסֻלֵּהּ בְּמַיָּא — כִּי מֵאַחַר שֶׁהַדִּבּוּר צָרִיךְ לְהָאִיר לוֹ בְּכָל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת שָׁם תְּשׁוּבָה, הוּא לִפְעָמִים בִּבְחִינַת** (רות ג): **"וַתְּגַל מַרְגְּלֹתָיו וַתִּשְׁכָּב", שֶׁהַדִּבּוּר צָרִיךְ לְהָאִיר בָּאָדָם, שֶׁהוּא לְמַטָּה בְּמַדְרֵגָה פְּחוּתָה. וְעַל כֵּן נִקְרָא הַדִּבּוּר צִפַּרְתָּא דְּקָאֵי עַד קַרְסֻלֵּהּ בְּמַיָּא. מַיָּא — הוּא**

די הייליגע חכמים זאגן אויף דעם וואס די תורה זאגט, (ויקרא רבה ט"ז ובערכין טז:) **על מצרע** אויף א קרעציגער מענטש, ווען ער וויל זיך ריינגען **שצריך להביא שתי צפרים** דארף ער ברענגען צוויי פייגלעך, פארוואס עפעס פייגעלעך? **'יבוא פטפטיא ויכפר על פטפטיא'** ווייל א פייגל ווייזט אויפן רעדן, א פייגל הערט נישט אויף צו טשיפטשען און רעדן, זעט מען פון דעם אז א 'צפור' איז מרמז אויפן 'דיבור', (קוק נאך אין די הייליגע מהרש"א [שם, דבור המתחיל חזינן האי צפרתא], אז די 'פייגעלע' פון רבה בר בר חנה מיינט מען די 'קול תורה', און די תורה האט אין זיך צוויי בחינות, 'נגלה' און 'נסתר', ווי ער טייטשט אויס די גמרא 'ברקיע' דאס מיינט מען דעם חלק פון 'סודות התורה', עיין שם, לויט ווי דער רבי האט פריער געזאגט שטימט עס זייער שיין). **וזהו** און דאס איז פשט אין די ווערטער: **'דקאי עד קרסלה במיא'** אז די פייגעלע - דאס מיינט מען דעם דיבור - גייט אראפ ביז די נידריגסטע ערטער - **כי מאחר שהדבור צריך להאיר לו** ווייל וויבאלד די דיבור דארף אים ליכטיג מאכן **בכל המקומות שצריך לעשות שם תשובה** אין אלע פלעצער וואו ער דארף תשובה טון, **הוא לפעמים** איז אמאל דארף די תורה אראפגיין אזוי טיף, **בבחינת** אזוי ווי עס שטייט (רות ג, ז): **'ותגל מרגלתיו ותשכב'** און זי האט אויפגעדעקט צופיסנס און זיך אראפגעלייגט; און דער הייליגער זוהר זאגט אויף דעם פסוק (תקוני זוהר תיקון כא, דף נ.): 'וַי לֵהּ לְבַר נָשׁ דְּנִשְׁמָתֵיהּ נְחִיתַת תְּחוֹת רַגְלוֹי', ווי פאר א מענטש וואס זינדיגט און זיין נשמה פאלט אים ביז אונטער זיינע פיס, זיין נשמה פאלט אריין צו די סטרא אחרא; און דעמאלט ווען דער מענטש פאלט נעבעך אראפ אין עבירות, גייט אראפ די תורה צו אים דארטן אין זיין בלאטע וואו ער געפינט זיך, 'ותגל מרגלותיו' עס שיינט אים דארט אין די נידריגסטע מדרגה, בחינת רגלין, און עס ווייזט אים די וועג ווי אזוי זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן, **שהדבור צריך להאיר באדם שהוא למטה במדרגה פחותה** וואס דער דיבור דארף ליכטיג מאכן דעם מענטש וואס ער געפינט זיך אין א נידריגע פלאץ.

**ועל כן נקרא הדבור** און דעריבער ווערט אנגערופן דער 'דיבור' **'צפרתא' דקאי עד קרסלה במיא** א פייגל וואס שטייט ביז די קנעכל אין וואסער, ווייל **'מיא'** וואסער - **הוא בחינת ה'אדם'** דאס

בְּחִינַת הָאָדָם, שֶׁנִּתְהַוֶּה מִמַּיִין דּוּכְרִין וּמַיִין נוּקְבִין כַּיָּדוּעַ, וְהַדִּבּוּר, **שֶׁהוּא** בְּחִינַת צִפַּרְתָּא קָאֵי עַד קַרְסֻלֵּהּ, **אֵצֶל הָאָדָם** שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה פְּחוּתָה, כְּדֵי לְהָאִיר לוֹ, בִּבְחִינַת וַתְּגַל מַרְגְּלֹתָיו וְכוּ' כַּנַּ"ל, וְזֶהוּ דְּקָאֵי עַד קַרְסֻלֵּהּ בְּמַיָּא כַּנַּ"ל.

**וְאָמְרִינַן** לֵית מַיָּא — הַיְנוּ שֶׁהֵבִינוּ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לְדִבּוּר אֶלָּא עַל-יְדֵי כָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת, שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בְּעֵינָיו אֶפֶס וָאַיִן. וְזֶהוּ: לֵית מַיָּא, שֶׁהָאָדָם יַחֲזִיק עַצְמוֹ

מֵיינְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דֶער מֶענְטְשׁ וַואסֶער? שֶׁנִּתְהַוֶּה מִמַּיִין דּוּכְרִין וּמַיִין נוּקְבִין כַּיָּדוּעַ ווייל עֶר וֶוערְט בַּאשַׁאפְן פוּן דִי פְלִיסִיגְקֵייט פוּן טַאטֶע מַאמֶע, וְהַדִּבּוּר **שֶׁהוּא** בְּחִינַת 'צִפַּרְתָּא קָאֵי עַד קַרְסֻלֵּהּ' אוּן דִי דִיבּוּר - וָואס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי פֵייגְל וָואס רֶעדְט אַסַאךְ - גֵייט אַרָאפּ, **אֵצֶל הָאָדָם** שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה פְּחוּתָה בַּיים מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעפַאלְן אִין זֵייעֶר אַ נִידְרִיגֶע פְּלַאץ, כְּדֵי לְהָאִיר לוֹ אִים לִיכְטִיג צוּ מַאכְן; אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעפַאלְן בִּבְחִינַת 'וַתְּגַל מַרְגְּלֹתָיו' וְכוּ' בִּיז דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלַאץ, בִּיז דִי פִּיס, לַייכְט אִים דָארְט דִי דִיבּוּר אוּן עֶס וֶוערְט אִים אַנְטְפְּלֶעקְט אִין דִי 'רַגְלַיִן' - דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן אוֹיךְ דָארְטְן קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה, דוּרְךְ אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי וֶוערְטֶער 'דְּקָאֵי עַד קַרְסֻלֵּהּ בְּמַיָּא' דֶער דִיבּוּר הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, אַזַא גְרוֹיסֶע כֹּחַ, אַז עֶס גֵייט אַרָאפּ בִּיז דִי נִידְרִיגְסְטֶע מַדְרֵגָה, בַּיים מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'מַיָּא' כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

[דֶערִיבֶּער טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אוֹיךְ דוּ קֶענְסְט זִיךְ זֵייעֶר גְרִינְג צוּרִיק קֶערְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה; וַוייל דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה גֵייט אַרָאפּ אִין דִי טִיפְסְטֶע פְּלֶעצֶער, אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועט דִיךְ דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגֶען בִּיז צוּם הִימְל, דִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען בִּיז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן].

**הָאט** רַבָּה בַּר בַּר חָנָה גֶעזָאגְט: 'וְאָמְרִינַן לֵית מַיָּא' 'לֵית מַיָּא' - הַיְנוּ שֶׁהֵבִינוּ זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען שֶׁאִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לְדִבּוּר אַז מֶען קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גוּטֶע דִּבּוּרִים **אֶלָּא** עַל יְדֵי כָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת נָאר אַז מֶען הָאט אִינְזִין נָאר דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בְּעֵינָיו **אֶפֶס וָאַיִן** אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אִין זַיינֶע אוֹיגְן אַזוֹי גָארְנִישְׁט - אַז עֶר פַארְנֶעמְט נִישְׁט קֵיין אָרְט. וְזֶהוּ דָאס אִיז פְּשַׁט: 'לֵית מַיָּא' עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין מֶענְטְשׁ, דָאס הֵייסְט: שֶׁהָאָדָם יַחֲזִיק עַצְמוֹ לְאַיִן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ הַאלְטְן אַז עֶר פַארְנֶעמְט בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין פְּלַאץ דָא, אוּן נָאר דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה אַז זַיינֶע דִּבּוּרִים זָאלְן אִים שַׁיינֶען אוּן וַוייזְן וִוי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

לְאַיִן. וּבָעֵינַן לְנַחוּתֵי — לְשׁוֹן שִׁפְלוּת, הַיְנוּ לִהְיוֹת שָׁפָל וְעָנָו; אַךְ שֶׁהָיָה לְאַקוּרֵי נַפְשִׁין — לְשׁוֹן (יְשַׁעְיָהוּ י"ג): "אוֹקִיר אֱנוֹשׁ מִפָּז", הַיְנוּ שֶׁהָיָה הָעֲנָוָה בִּשְׁבִיל גַּדְלוּת, כְּדֵי לְהִתְכַּבֵּד וּלְהִתְיַקֵּר; כִּי מֵחֲמַת שֶׁיּוֹדְעִין גֹּדֶל בִּזּוּי הַגַּדְלוּת, עַל כֵּן הֵם עֲנָוִים, בִּשְׁבִיל לְהִתְכַּבֵּד וּלְהִתְיַקֵּר עַל־יְדֵי הָעֲנָוָה, וְזֶהוּ בְּחִינַת עַנְוְוֹת שֶׁהוּא תַּכְלִית הַגַּדְלוּת. וְזֶהוּ: וּבָעֵינַן לְנַחוּתֵי — לִהְיוֹת שְׁפָלִים וַעֲנָוִים, לְאוֹקוּרֵי נַפְשִׁין — כְּדֵי שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִהְיֶה יְקָרִים וַחֲשׁוּבִים, כִּי הַגַּאֲוָה מְבֻזָּה מְאֹד.

**נְפַק** בְּרַת־קָלָא וְאָמַר, לָא תְחוּתוּ לְהָבָא — לָא תְחוּתוּ לִהְיוֹת שְׁפָלִים בִּשְׁבִיל זֶה, בִּשְׁבִיל לְאוֹקוּרֵי נַפְשִׁין; שֶׁהִזְהִירָם הַבַּת־קוֹל שֶׁלֹּא יִהְיוּ עֲנָוִים בִּשְׁבִיל לְהִתְיַקֵּר

'וּבָעֵינַן לְנַחוּתֵי' - לְשׁוֹן שִׁפְלוּת 'נַחוּתֵי' אִיז אַ לְשׁוֹן פוּן 'עֲנָוָה אוּן שִׁפְלוּת', אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת סג): 'נְחוֹת דַּרְגָּא' גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵגָה, הַיְנוּ לִהְיוֹת שָׁפָל וְעָנָו זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט זַיין עֲנָוִים אַז עֶס זָאל שַׁיינֶען אוֹיף זֵיי דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת; אַךְ שֶׁהָיָה אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט דִי כַּוָּונָה 'לְאַקוּרֵי נַפְשִׁין' זִיךְ גְרוֹיס צוּ הַאלְטְן - לְשׁוֹן אַ לְשׁוֹן פוּן 'גַּאֲוָה', אַזוֹי וִוי יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ י"ג, יב): 'אוֹקִיר אֱנוֹשׁ מִפָּז' אִיךְ וֶועל גְרוֹיס מַאכְן דָּנִיֵּאל, מֶער פוּן גִינְגָאלְד, הַיְנוּ שֶׁהָיָה הָ'עֲנָוָה' דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט זַיין עֲנָוִים אִיז בִּשְׁבִיל 'גַּדְלוּת' צוּ זַיין גְרוֹיס, כְּדֵי לְהִתְכַּבֵּד וּלְהִתְיַקֵּר כְּדֵי מִיר זָאלְן הָאבְּן כָּבוֹד אוּן מֶען זָאל אוּנְז הַאלְטְן טַייעֶר; כִּי מֵחֲמַת שֶׁיּוֹדְעִין גֹּדֶל בִּזּוּי הַגַּדְלוּת ווייל מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז אַ בַּעַל גַּאֲוָה אִיז זֵייעֶר פַאר'מִיאוּס'ט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַל כֵּן הֵם עֲנָוִים וֶועגְן דֶעם זֶענֶען מִיר עֲנָוִים, בִּשְׁבִיל לְהִתְכַּבֵּד וּלְהִתְיַקֵּר עַל יְדֵי הָעֲנָוָה נִישְׁט מִיט אַן אֱמֶת'עֶ בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד אוּן מֶען זָאל אוּנְז הַאלְטְן טַייעֶר אוּן חָשׁוּב, אַז מִיר זֶענֶען בַּעֲלֵי עֲנָוָה, וְזֶהוּ בְּחִינַת עַנְוְוֹת שֶׁהוּא תַּכְלִית הַגַּדְלוּת וָואס דִי עֲנָוָה אִיז תַּכְלִית הַגַּדְלוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן. וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט: וּבָעֵינַן לְנַחוּתֵי - לִהְיוֹת שְׁפָלִים וַעֲנָוִים מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט זַיין עֲנָוִים, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט דִי רִיכְטִיגֶע כַּוָּונָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען לְאוֹקוּרֵי נַפְשִׁין - כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִהְיֶה יְקָרִים וַחֲשׁוּבִים מִיט דִי כַּוָּונָה אַז מֶען זָאל הַאלְטְן פוּן אוּנְז, כִּי הַגַּאֲוָה מְבֻזָּה מְאֹד ווייל גַּאֲוָה אִיז זֵייעֶר אַ מִיאוּס'עֶ זַאךְ.

'נְפַק בְּרַת קָלָא וְאָמַר' אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אוּן גֶעזָאגְט: 'לָא תְחוּתוּ לְהָבָא' - לָא תְחוּתוּ לִהְיוֹת שְׁפָלִים בִּשְׁבִיל זֶה זַייט נִישְׁט קֵיין עֲנָוִים מִיט דִי כַּוָּונָה, בִּשְׁבִיל לְאוֹקוּרֵי נַפְשִׁין אַז מֶען זָאל הַאלְטְן פוּן עֶנְק, מֶען זָאל עֶנְק מְכַבֵּד זַיין; שֶׁהִזְהִירָם הַבַּת קוֹל דִי בַּת קוֹל הָאט זֵיי אָנְגֶעוָואֶרְנְט שֶׁלֹּא יִהְיוּ עֲנָוִים מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין עֲנָוִים בִּשְׁבִיל מִיט דִי כַּוָּונָה

לְהִתְיַקֵּר וּלְהִתְכַּבֵּד אַז מֶען זָאל זֵיי הַאלְטְן טַייעֶר אוּן גֶעבְּן כָּבוֹד, כִּי זֶה עֲנִיווּת וַוייל דִי סָארְט עֲנִיווּת הִיא תַּכְלִית הַגַּדְלוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַּאֲוָה.

**אוּן** דָאס אִיז מְרוּמָּז וַוייטֶער אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה וָואס הָאט זֵיי אָנְגֶעוָוארְנְט, 'דְּנִפְלָה חֲצִינָא לְבַר נַגָּרָא הָא שְׁבַע שְׁנִין, וְלָא מָטְיָא לְאַרְעָא' - שֶׁהַבַּת קוֹל הוֹדִיעָה לָהֶם שֹׁרֶשׁ הַגַּדְלוּת דִי בַּת קוֹל הָאט זֵיי גֶעלָאזְט וויסְן דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן גַּאֲוָה, כְּדֵי שֶׁיִּתְרַחֲקוּ עַד קָצֶה אַחֲרוֹן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן בִּיז דִי לֶעצְטֶע פִּינְטְל פוּן גַּאֲוָה, אוּן מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין מַחֲשָׁבוֹת פוּן גַּאֲוָה, 'וְלֹא יָחוּתוּ לְהָכָא' - שֶׁלֹּא יִהְיוּ עֲנָוִים בִּשְׁבִיל גַּדְלוּת אוּן זִיכֶער נִישְׁט זַיין אַן עָנָיו כְּדֵי מֶען זָאל הַאלְטְן פוּן זֵיי; וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שֶׁקֶר, אוּן דוּרְכְדֶעם רַייסְט מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפּ פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ד, ד): 'מְאֹד מְאֹד הֱוֵי שְׁפַל רוּחַ' אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי מִדָּה פוּן עֲנָוָה דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין אֵיין

**וּלְהִתְכַּבֵּד, כִּי זֶה עֲנִיווּת הִיא תַּכְלִית הַגַּדְלוּת. דִּנְפַלָּה חֲצִינָא לְבַר־נַגָּרָא הָא שְׁבַע שְׁנִין, וְלָא מָטְיָא לְאַרְעָא — שֶׁהַבַּת־קוֹל הוֹדִיעָה לָהֶם שֹׁרֶשׁ הַגַּדְלוּת, כְּדֵי שֶׁיִּתְרַחֲקוּ עַד קָצֶה אַחֲרוֹן, וְלֹא יָחוּתוּ לְהָכָא, שֶׁלֹּא יִהְיוּ עֲנָוִים בִּשְׁבִיל גַּדְלוּת, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (אָבוֹת פֶּרֶק ד)**: 'מְאֹד מְאֹד הֱוֵי שְׁפַל־רוּחַ', הַיְנוּ שֶׁהוֹדִיעָה לָהֶם, שֶׁהַגַּדְלוּת הוּא מִנִּפִילוֹת הַהִתְפָּאֲרוּת וְהַגַּאֲוָה שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, שֶׁהוּא לְבוּשׁוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (תְּהִלִּים צג)**: ה' מָלָךְ גֵּאוּת לָבֵשׁ. וְזֶה: דִּנְפַלָּא חֲצִינָא — בְּחִינַת לְבוּשׁ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם קכ"ט)**: "וְחִצְנוֹ מְעַמֵּר".**

פִּינְטֶעלֶע פוּן גַּאֲוָה אוּן גַּדְלוּת אִין זִיךְ, וַוייל דָאס רַייסְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן דָאס הָאט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה גֶעזָאגְט: 'וְנָפְלָה חֲצִינָא לְבַר נַגְרָא' - הַיְנוּ שֶׁהוֹדִיעָה לָהֶם עֶר הָאט זֵיי צוּוויסְן גֶעטוּן, שֶׁהַגַּדְלוּת הוּא מִנִּפִילוֹת הַהִתְפָּאֲרוּת וְהַגַּאֲוָה שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אַז דִי מִדָּה פוּן גַּאֲוָה דָאס גֶעהֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁהוּא לְבוּשׁוֹ וָואס דָאס אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קְלֵייד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועלְן אַלֶע זָאגְן (תְּהִלִּים צג, א): 'ה' מָלָךְ' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעקֶעניגְט, 'גֵּאוּת לָבֵשׁ' עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֵיידֶעט מִיט גְרוֹיסְקֵייט; זֶעט מֶען אַז דִי גַּאֲוָה גֶעהֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְזֶה אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי מַעֲשֶׂה: 'דִּנְפַלָּא' עֶס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן 'חֲצִינָא' 'חֲצִינָא' - בְּחִינַת לְבוּשׁ חַצִּינָא טַייטְשְׁט אַ קְלֵייד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם קכ"ט, ז): 'שֶׁלֹּא מִלֵּא כַפּוֹ קוֹצֵר' דֶער שְׁנַיידֶער קֶען נִישְׁט אָנְפִילְן זַיין הַאנְט דֶערְמִיט, 'וְחִצְנוֹ' אוּן עֶר קֶען נִישְׁט אָנְפִילְן דִי עֶק פוּן זַיין קְלֵייד 'מְעַמֵּר' מִיט דִי בִּינְטְלֶעךְ, זֶעט מֶען אַז דִי לָשׁוֹן

**בַּר נַגָּרָא — זֶה הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם ק״ד)**: ״הַמְקָרֶה בַמַּיִם עֲלִיּוֹתָיו״, וּכְמַאֲמַר** (חֻלִּין ס.)**: ׳אֱלֹקֵיכֶם נַגָּר הוּא׳; מִנְּפִילַת הַלְּבוּשׁ הַזֶּה נִתְהַוָּה הַגַּדְלוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת שֶׁבַע בָּתֵּי עַכּוּ״ם, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה גָּלוּ יִשְׂרָאֵל מֵאַרְצָם, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (גִּטִּין פח.)**: לֹא גָּלוּ יִשְׂרָאֵל עַד שֶׁעָבְדוּ בָהּ שֶׁבַע בָּתֵּי עַכּוּ״ם. וּבִשְׁבִיל**

׳חֲצִינָא׳ מֵיינְט אַ קְלֵייד, וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף ׳גְרוֹיסְקֵייט׳ וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל ׳הַגַּאֲוָה וְהַגְּדֻלָּה לְחַי הָעוֹלָמִים׳ גַּאֲוָה אוּן גְרוֹיסְקֵייט בַּאלַאנְגְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

׳**בַּר נַגָּרָא**׳ - **זֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**, ׳בַּר נַגָּרָא׳ דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דָוִד הַמֶּלֶךְ לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם ק״ה, ג)**: ׳הַמְקָרֶה בַמַּיִם עֲלִיּוֹתָיו׳**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בּוֹיט אַ דֶעק פַאר דִי עֶרְד מִיט זַיינֶע וָואלְקֶענֶעס, **וּכְמַאֲמַר** (חֻלִּין ס.): אוּן אַזוֹי ווִי דֶער קֵיסָר׳ס טָאכְטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ: ׳**אֱלֹקֵיכֶם נַגָּר הוּא**׳ עֶנְקֶער גָאט אִיז אַ בּוֹיעֶר, עַיֵּין שָׁם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי חָלָל הַפָּנוּי מִיט אַ הַאק, אוּן דָארְט הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, כִּבְיָכוֹל זֶעט מֶען דָא אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן אַ טִישְׁלֶער; דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן ׳דְנָפְלָא חֲצִינָא׳, **מִנְּפִילַת הַלְּבוּשׁ הַזֶּה נִתְהַוָּה הַגַּדְלוּת** אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ ׳גַּאֲוָה׳, ווַייל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת קוּמֶען פוּן זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ, לְמָשָׁל ׳אַהֲבָה׳; לִיבּ הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, לִיבּ הָאבְּן עֲבֵירוֹת - קוּמְט פוּן זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ, פוּן דִי מִדָּה פוּן ׳חֶסֶד׳, נָאר עֶס אִיז גֶעוָוארְן ׳אַהֲבָה נְפוּלָה׳ אַ גֶעפַאלֶענֶע לִיבְּשַׁאפְט,

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דָאס וָואס מֶען הָאט מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם אִיז ׳יִרְאוֹת נְפוּלוֹת׳, דָאס אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן דִי הוֹיכֶע פְּלַאץ פוּן וואו ׳יִרְאָה׳ קוּמְט, פוּן ׳גְבוּרָה׳, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ ׳גַּאֲוָה׳; דִי שׁוֹרֶשׁ פוּן ׳גַּאֲוָה׳ אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ, דָאס אִיז דִי קְלֵייד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דִי קְלֵייד, מִיט דִי מִדָּה - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ ׳גַּאֲוָה נְפוּלָה׳, דִי גַּאֲוָה וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן, וָואס דָאס אִיז דֶער חָלָל הַפָּנוּי, אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אַז אַלֶעס בַּאלַאנְגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואס דָאס אִיז דֶער לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעמְט עֶר פַאר זִיךְ, אוּן פוּן דֶעם ווֶערְט ׳עֲבוֹדָה זָרָה׳, **שֶׁהוּא בְּחִינַת שֶׁבַע בָּתֵּי עַכּוּ״ם** וָואס דָאס אִיז דִי זִיבְּן מִדּוֹת פוּן דִי קְלִיפּוֹת פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, **שֶׁעַל יְדֵי זֶה גָּלוּ יִשְׂרָאֵל מֵאַרְצָם** וָואס דוּרְכְדֶעם זֶענֶען דִי אִידְן פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (גִּטִּין פח.): ׳**לֹא גָּלוּ יִשְׂרָאֵל**׳ דִי אִידְן זֶענֶען נִישְׁט פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין גָלוּת, ׳**עַד שֶׁעָבְדוּ בָהּ שֶׁבַע בָּתֵּי עַכּוּ״ם**׳ נָאר נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט דוּרְךְ זִיבְּן קֶענִיגְן עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן ווִי דִי גְמָרָא רֶעכְנְט דָארְט אוֹיס דִי זִיבְּן קֶענִיגְן וָואס הָאבְּן גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; וַוייל דִי זִיבְּן קֶענִיגְן הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט

זֶה נִקְרָא עכּו"ם בִּלְשׁוֹן תִּפְאֶרֶת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ מ"ד): "כְּתִפְאֶרֶת אָדָם לָשֶׁבֶת בָּיִת", כִּי הָעֲבוֹדָה זָרָה, שֶׁהוּא הַגַּדְלוּת, הוּא מַפִּילַת הִתְפָּאֲרוּתוֹ. וְזֶהוּ: הָא שִׁבְעָ שְׁנִין — זֶה בְּחִינַת הַגַּדְלוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת שֶׁבַע בָּתֵּי עֲבוֹדָה זָרָה כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ: וְלָא מָטֵי לְאַרְעָא — הַיְנוּ שֶׁעַל־יְדֵי הֶעָוֹן הַזֶּה עֲדַיִן לֹא חָזַרְנוּ לְאַרְצֵנוּ, כִּי עַל־יְדֵי הֶעָוֹן הַזֶּה שֶׁהוּא הַגַּדְלוּת, שֶׁהוּא כְּעוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה, בְּחִינַת שֶׁבַע בָּתֵּי עֲבוֹדָה זָרָה, עַל־יְדֵי־זֶה גָּלִינוּ מֵאַרְצֵנוּ כַּנַּ"ל,

אִין דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער עֲבוֹדָה זָרָה, וָואס דָאס אִיז דִי גַּאֲוָה, זַיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ, וַוייל גַּאֲוָה אִיז עֲבוֹדָה זָרָה, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָא 'עכּו"ם' בִּלְשׁוֹן 'תִּפְאֶרֶת' אוּן וֶועגְן דֶעם וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עֲבוֹדָה זָרָה מִיטְן לָשׁוֹן 'תִּפְאֶרֶת', אַ לָשׁוֹן פוּן 'גַּאֲוָה', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מ"ה, יג): 'כְּתִפְאֶרֶת אָדָם לָשֶׁבֶת בָּיִת' אַזוֹי וִוי דִי פְּרַאכְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף צוּ זִיצְן אִין הוֹיז [דֶער נָבִיא מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס דִינֶען דִי גֶעטְשְׁקֶעס; וִוי קֶען דִיךְ אַ גֶעטְשְׁקֶע הֶעלְפְן, וֶוען דוּ אַלֵיין הָאסְט אִים אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אוּן אִים גֶעזֶעצְט אִין אַ שְׁטוּב עֶר זָאל שֵׁיין מַאכְן דִי שְׁטוּב, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן פוּן פְּלַאץ?!] כִּי הָ'עֲבוֹדָה זָרָה' וַוייל דִי 'עֲבוֹדָה זָרָה', שֶׁהוּא הַ'גַּדְלוּת' וָואס דָאס אִיז 'גַּאֲוָה' - הוּא מַפִּילַת 'הִתְפָּאֲרוּתוֹ' דָאס קוּמְט אַלְץ פוּן דֶעם וָואס עֶס אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן דִי 'שֵׁיינְקֵייט' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ.

וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט: 'הָא שִׁבְעָ שְׁנִין' - זֶה בְּחִינַת הַגַּדְלוּת 'שִׁבְעָ שְׁנִין' דָאס מֵיינְט מֶען גַּאֲוָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת שֶׁבַע בָּתֵּי עֲבוֹדָה זָרָה וָואס דָאס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט: 'וְלָא מָטֵי לְאַרְעָא' 'וְלָא מָטֵי לְאַרְעָא' - הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי הֶעָוֹן הַזֶּה וַוייל דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן 'גַּאֲוָה', עֲדַיִן לֹא חָזַרְנוּ לְאַרְצֵנוּ הָאבְּן מִיר זִיךְ נָאכְנִישְׁט צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּ אוּנְזֶער לַאנְד, כִּי עַל יְדֵי הֶעָוֹן הַזֶּה שֶׁהוּא הַגַּדְלוּת וַוייל דוּרְךְ דִי זִינְד פוּן גַּאֲוָה אוּן גַּדְלוּת, שֶׁהוּא כְּעוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה וָואס דֶער בַּעַל גַּאֲוָה אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, בְּחִינַת שֶׁבַע בָּתֵּי עֲבוֹדָה זָרָה וָואס פַאלְט אַרַיין אִין דִי זִיבְּן סְפִירוֹת פוּן דִי טוּמְאָה, עַל יְדֵי זֶה גָּלִינוּ מֵאַרְצֵנוּ דוּרְכְדֶעם זֶענֶען מִיר פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז דִי אֱמוּנָה, כַּנַּ"ל, וַוייל דֶער עִיקָר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז נָאר וַוייבַּאלְד אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען 'עֲנָוִים', אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים ז, ז): 'כִּי אַתֶּם הַמְעַט מִכָּל הָעַמִּים', זָאגְט רַשִׁ"י: 'הַמְמַעֲטִין עַצְמְכֶם' אַז עֶנְק הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס; אָבֶער וַוייבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז מֶען פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דִי עִיקָר עֲבֵירוֹת קוּמְט פוּן 'גַּאֲוָה', וָואס מֶען רֵייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם

אייבערשטן, און מען ווערט 'עֲבוֹדָה זָרָה', וְעַל יְדֵי זֶה און דערפאר עֲדַיִן לֹא חָזַרְנוּ לְאַרְצֵנוּ זענען מיר נאכנישט אויסגעלייזט געווארן - הַכֹּל עַל יְדֵי הֶעָוֹון הַזֶּה שֶׁל הַגַּדְלוּת נישט קענען אויסלעשן די ליבשאפט וואס די אידן האבן צום אייבערשטן, און רש"י זאגט אז 'מַיִם רַבִּים' דאס מיינט מען די 'אוּמוֹת הָעוֹלָם' זיי קענען אונז נישט

וְעַל־יְדֵי־זֶה עֲדַיִן לֹא חָזַרְנוּ לְאַרְצֵנוּ — הַכֹּל עַל־יְדֵי הֶעָוֹון הַזֶּה שֶׁל הַגַּדְלוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲבוֹדָה זָרָה כַּנַּ"ל (יב). וְזֶהוּ: וְלָא מִשּׁוּם דִּנְפִישֵׁי מַיָּא — הַיְנוּ, לֹא תֹאמַר שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה לָא מְטֵי לְאַרְעָא, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין יְכוֹלִין לְהַגִּיעַ וְלָשׁוּב לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל מִשּׁוּם דִּנְפִישֵׁי מַיָּא, מֵחֲמַת שֶׁהָעַכּוּ"ם הֵם רַבִּים, בְּחִינַת "רַבִּים הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה" (דְּבָרִים ז), שֶׁהֵם בְּחִינַת מַיִם רַבִּים;

**אֶלָּא** מִשּׁוּם דִּרְדִיפֵי מַיָּא — שֶׁהֵם רוֹדְפִים אַחַר הַכָּבוֹד שֶׁהוּא בְּחִינַת מַיִם, בְּחִינַת "אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים, ה' עַל מַיִם רַבִּים" (תְּהִלִּים כ"ט), עַל־יְדֵי־זֶה אֵין יְכוֹלִין לְהַגִּיעַ וְלַחֲזֹר לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, הַיְנוּ עַל־יְדֵי

אלץ צוליב די עֲבֵירָה פון גַּאֲוָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲבוֹדָה זָרָה וואס דאס איז עֲבוֹדָה זָרָה, כַּנַּ"ל אזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט.

**וְזֶהוּ** און דאס איז פְּשַׁט: 'וְלָא מִשּׁוּם דִּנְפִישֵׁי מַיָּא' 'וְלָא מִשּׁוּם דִּנְפִישֵׁי מַיָּא' - הַיְנוּ לֹא תֹאמַר זאלסט נישט זאגן שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה לָא מְטֵי לְאַרְעָא אז וועגן דעם איז מען נישט אנגעקומען צו די ערד, דאס מיינט מען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין יְכוֹלִין לְהַגִּיעַ וְלָשׁוּב לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מיר קענען זיך נישט צוריק קערן קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - מִשּׁוּם 'דִּנְפִישֵׁי מַיָּא', מֵחֲמַת שֶׁהָעַכּוּ"ם הֵם רַבִּים וויבאלד די פיל גוֹיִם לאזן נישט, אוועקנעמען פונעם אייבערשטן; דאס זאגט ער, נישט מִשּׁוּם 'דִּנְפִישֵׁי מַיָּא' ווייל עס איז דא אסאך גוֹיִם, זענען מיר נישט זוֹכֶה צו ווערן אויסגעלייזט, 'אֶלָּא מִשּׁוּם דִּרְדִיפֵי מַיָּא' - שֶׁהֵם רוֹדְפִים אַחַר הַכָּבוֹד נאר ווייל מען לויפט נאך די כָּבוֹד, מען האט נישט אינזין דעם אייבערשטן, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַיִם און 'כָּבוֹד' ווערט אנגערופן 'וואסער', מען לויפט נאך כָּבוֹד, בְּחִינַת אזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק 'אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים' דער געערטער האר פון כָּבוֹד האט געשטורעמט אויף די מִצְרִים זיי צו דערשרעקן, 'ה' עַל מַיִם רַבִּים' דעם

בְּחִינַת אזוי ווי עס שטייט: 'רַבִּים הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה' (דְּבָרִים ז, יז), די פילע פעלקער, שֶׁהֵם בְּחִינַת מַיִם רַבִּים וואס זיי זענען צוגעגליכן צו אסאך וואסער; אזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ח, ז): 'מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה', פילע וואסער ווערן אייבערשטער'ס כָּבוֹד איז דעמאלט אנטפלעקט געווארן אויף די פיל וואסער, (תְּהִלִּים כ"ט, ג) זעט מען אז 'כָּבוֹד' מיינט 'מַיִם', עַל יְדֵי זֶה אֵין יְכוֹלִין לְהַגִּיעַ וְלַחֲזֹר לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דערפאר קען מען נישט צוריק גיין קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הַיְנוּ עַל יְדֵי

רְדִיפַת הַכָּבוֹד וְהַגְּדֻלּוֹת, כִּי עִקַּר אֲרִיכַת הַגָּלוּת שֶׁאֵין יְכוֹלִין לָשׁוּב לְאַרְצֵנוּ הוּא רַק מֵחֲמַת עֲוֹן הַגַּדְלוּת וּרְדִיפַת הַכָּבוֹד כַּנַּ"ל. **כָּל** זֶה הוֹדִיעָה לָהֶם הַבַּת-קוֹל גֹּדֶל בִּזּוּי הַגַּדְלוּת, כְּדֵי שֶׁיִּתְרַחֲקוּ מֵהַגַּדְלוּת עַד קָצֶה אַחֲרוֹן כַּנַּ"ל, וְאָז כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בִּשְׁלֵמוּת כַּנַּ"ל, וְאָז זוֹכִין לַדִּבּוּר הַמֵּאִיר, שֶׁהוּא בְּחִינַת צִפַּרְתָּא הַנַּ"ל כַּנַּ"ל. **אֲבָל** אֵיךְ זוֹכִין לָזֶה, לְשַׁבֵּר הַגַּדְלוּת וְהַכָּבוֹד שֶׁל עַצְמוֹ לְגַמְרֵי, וְשֶׁיִּהְיֶה כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בִּשְׁלֵמוּת — הוּא עַל-יְדֵי שְׁמִירַת הַבְּרִית בִּשְׁתֵּי בְּחִינוֹת הַנַּ"ל, שֶׁהֵם בְּחִינַת יִחוּדָא עִלָּאָה וְיִחוּדָא תַּתָּאָה.

רְדִיפַת הַכָּבוֹד וְהַגְּדֻלּוֹת דוּרְךְ נָאכְלוֹיפְן כָּבוֹד אוּן גַּדְלוּת, כִּי עִקַּר אֲרִיכַת הַגָּלוּת שֶׁאֵין יְכוֹלִין לָשׁוּב לְאַרְצֵנוּ הוּא וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פַארְוָואס דֶער גָלוּת צִיט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג, רַק מֵחֲמַת עֲוֹן הַגַּדְלוּת וּרְדִיפַת הַכָּבוֹד נָאר צוּלִיב דִי עֲבֵירָה פוּן גַּאֲוָה, צוּלִיב נָאכְלוֹיפְן כָּבוֹד, מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט מְבַטֵל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. **כָּל** זֶה הוֹדִיעָה לָהֶם הַבַּת קוֹל דָאס אַלֶעס הָאט זֵיי דִי בַּת קוֹל גֶעזָאגְט, גֹּדֶל בִּזּוּי הַגַּדְלוּת דִי גְרוֹיסֶע פַארְשֶׁעמוּנְג פוּן גַּאֲוָה, וָואס דָאס אִיז גּוֹרֵם דֶער לַאנְגֶער גָלוּת, כְּדֵי שֶׁיִּתְרַחֲקוּ מֵהַגַּדְלוּת אַז מֶען זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן גַּאֲוָה עַד קָצֶה אַחֲרוֹן כַּנַּ"ל בִּיזְן לֶעצְטְן פִּינְטֶעלֶע, וְאָז כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בִּשְׁלֵמוּת כַּנַּ"ל דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט גַאנְץ, אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת א), וְאָז זוֹכִין לַדִּבּוּר הַמֵּאִיר דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִבּוּרִים וָואס שַׁיינֶען אוּן וַוייזְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן, שֶׁהוּא בְּחִינַת צִפַּרְתָּא וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז דִי פֵייגֶעלֶע, דָאס מֵיינְט דֶער דִיבּוּר, הַנַּ"ל כַּנַּ"ל אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט נָאךְ אִין דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלַאץ, אִיז זַיין עִיקָר עֵצָה זִיךְ מְבַטֵל זַיין אוּן אוֹיסְהֶערְן דִי עֵצָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, צוּ זָאגְן אַסַאךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע לוֹיטֶערֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט אִים שַׁיינֶען דִי טַ"ל אוֹרוֹת. **אֲבָל** אֵיךְ זוֹכִין לָזֶה אָבֶּער וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה לְשַׁבֵּר הַגַּדְלוּת וְהַכָּבוֹד שֶׁל עַצְמוֹ לְגַמְרֵי צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי גַּאֲוָה אוּן נִישְׁט מֵיינֶען דִי אֵייגֶענֶע כָּבוֹד, וְשֶׁיִּהְיֶה כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בִּשְׁלֵמוּת נָאר אִינְזִין הָאבְּן אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס כָּבוֹד זָאל זַיין גַאנְץ? הוּא עַל יְדֵי שְׁמִירַת הַבְּרִית דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית, בִּשְׁתֵּי בְּחִינוֹת אוֹיף בֵּיידֶע וֶועגְן, הַנַּ"ל סַיי דִי וָואס פִּירְן זֵייעֶר שְׁטוּב וְכוּ' אִין דִי וָואכֶענְדִיגֶע טֶעג, זֵיי פִּירְן זִיךְ מִיט דֶעם וֶועג כְּדֵי צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, וָואס מִיט דֶעם זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ נִכְלָל אִינֶעם אוֹת ו', תּוֹסְפוֹת קְדוּשָּׁה, וַוייל דָאס אַלֶעס

**וְזֶהוּ** שֶׁאָמַר רַב אָשִׁי: הַאי זִיז שָׂדַי הוּא — הַיְנוּ בְּחִינַת יִחוּדָא עִלָּאָה וְיִחוּדָא תַּתָּאָה, שֶׁעַל־יְדֵי יִחוּדָא עִלָּאָה וְיִחוּדָא תַּתָּאָה, שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁמִירַת הַבְּרִית בִּשְׁתֵּי בְּחִינוֹת כַּנַּ"ל, עַל־יְדֵי־זֶה הַכָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת, וְעַל־יְדֵי כָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת זוֹכִין לְצִפַּרְתָּא, שֶׁהוּא הַדִּבּוּר, שֶׁהוּא אֶמְצָעִי בֵּין מַיָּא לָרָקִיעַ כַּנַּ"ל, כִּי זִיז הוּא בְּחִינַת יִחוּדָא תַּתָּאָה, בְּחִינַת מט"ט, בְּחִינַת מִכְּנַף הָאָרֶץ כַּנַּ"ל. כִּי אִיתָא בְּמִדְרָשׁ־רַבָּה (בְּרֵאשִׁית־רַבָּה יט, וַיִּקְרָא רַבָּה כב): 'עוֹף אֶחָד יֵשׁ, בְּשָׁעָה שֶׁמַּפְרִישׁ אֶת כְּנָפָיו

טוֹעֶן זיי דָאךְ נָאר צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְּרִית, און סַיי די וָואס פִירְן זַייעֶר שְׁטוּב וְכוּ' נָאר שַׁבָּת, אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, שֶׁהֵם בְּחִינַת 'יִחוּדָא עִלָּאָה' וְ'יִחוּדָא תַּתָּאָה' וָואס דָאס אִיז צְוֵויי סָארְטְן יִחוּדִים, וַוייל די וָואס פִירְן זַייעֶר שְׁטוּב וְכוּ' נָאר שַׁבָּת דָאס אִיז די מַדְרֵגָה פוּן 'יִחוּדָא עִלָּאָה', און די וָואס פִירְן זַייעֶר שְׁטוּב וְכוּ' אִין די וָואכֶענְדִיגֶע טֶעג - דָאס אִיז די מַדְרֵגָה פוּן 'יִחוּדָא תַּתָּאָה', צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, און דוּרְךְ שְׁמִירַת הַבְּרִית קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיסְרַייסְן די גַּאֲוָה בִּיזְן לֶעצְטְן פִּינְטְל.

**וְזֶהוּ** און דָאס אִיז פְּשַׁט **שֶׁאָמַר רַב אָשִׁי** וָואס רַב אָשִׁי הָאט גֶעזָאגְט **'הַאי זִיז שָׂדַי הוּא'** 'הַאי זִיז שָׂדַי הוּא' - **הַיְנוּ בְּחִינַת 'יִחוּדָא עִלָּאָה' וְ'יִחוּדָא תַּתָּאָה'** דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף די צְוֵויי מַדְרֵיגוֹת פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, 'יִחוּדָא עִלָּאָה' און 'יִחוּדָא תַּתָּאָה', **שֶׁעַל יְדֵי יִחוּדָא עִלָּאָה וְיִחוּדָא תַּתָּאָה, שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁמִירַת הַבְּרִית בִּשְׁתֵּי בְּחִינוֹת** דוּרְךְ אָפְּהִיטְן שְׁמִירַת הַבְּרִית אוֹיף בֵּיידֶע וֶועגְן, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **עַל יְדֵי זֶה הַכָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת** דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה רִיכְטִיג צוּ בְּרֶענְגֶען די כָּבוֹד פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הָאט דֶעם אוֹת ו' און די כָּבוֹד וָואס וַוייזְט אוֹיף פַארְמֶערְן קְדוּשָּׁה, שְׁמִירַת הַבְּרִית, **וְעַל יְדֵי כָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת** און דוּרְכְדֶעם וָואס עֶס פֶעלְט נִישְׁט די אוֹת ו' פוּן כָּבוֹד און עֶס אִיז נִישְׁט 'כְּבַד פֶּה' - **זוֹכִין לְצִפַּרְתָּא שֶׁהוּא הַדִּבּוּר** אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ די פֵייגֶעלֶע, דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם דִיבּוּר, **שֶׁהוּא אֶמְצָעִי בֵּין מַיָּא לָרָקִיעַ** וָואס דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מַיִם - לָרָקִיעַ, בִּיז צוּם הִימְל, צוּ תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, און וָואס הָאט 'זִיז שָׂדַי' מִיט 'יִחוּד עֶלְיוֹן' און 'יִחוּד תַּחְתּוֹן'? **כִּי 'זִיז' הוּא בְּחִינַת 'יִחוּדָא תַּתָּאָה'** 'זִיז' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף די קְלֶענֶערֶע מַדְרֵגָה, **בְּחִינַת 'מט"ט'** די מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי זֶענֶען אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶערְן שְׁלִיחַ, מַלְאָךְ מט"ט, וָואס דֶער מַלְאָךְ מט"ט **בְּחִינַת מִכְּנַף הָאָרֶץ** וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'כְּנַף', וָואס דָאס אִיז 'זִיז' **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ו'). **כִּי אִיתָא בְּמִדְרָשׁ רַבָּה** וַוייל די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יט, וַיִּקְרָא רַבָּה כב): **'עוֹף אֶחָד יֵשׁ'** עֶס אִיז דָא אַ פֵייגְל **'בְּשָׁעָה שֶׁמַּפְרִישׁ אֶת כְּנָפָיו הוּא**

הוּא מַחֲשִׁיךְ אֶת הַשֶּׁמֶשׁ, וְזִיו שְׁמוֹ'; וְזֶה בְּחִינַת יִחוּדָא תַּתָּאָה, בְּחִינַת מט"ט, בְּחִינַת מִכְּנַף הָאָרֶץ, שֶׁבּוֹ מִתְלַבֵּשׁ בְּרִית עִלָּאָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשֶּׁמֶשׁ. שַׁדַּי — זֶה בְּחִינַת יִחוּדָא עִלָּאָה כַּנַּ"ל:

**וְזֶה** אֲנִי ה' — יִחוּדָא עִלָּאָה, הוּא שְׁמִי — יִחוּדָא תַּתָּאָה; וּכְבוֹדִי לְאַחֵר לֹא אֶתֵּן — זֶה בְּחִינַת כָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת,

מַחֲשִׁיךְ אֶת הַשֶּׁמֶשׁ, וְזִיו שְׁמוֹ' וָואס וֶוען זִי שְׁפְּרֵייט אוֹיס אִירֶע פְלִיגְלֶען אוּן זִי פְלִיט אִין הִימְל, טוּט זִי טוּנְקְל מַאכְן דֶעם זוּן, אִירֶע פְלִיגְלֶעךְ זֶענֶען אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס מַאכְט אַ שָׁאטְן, אוּן דִי פֵייגֶעלֶע הֵייסְט 'זִיז'; זֶעעֶן מִיר אַז 'זִיז' וַוייזְט אוֹיף 'כְּנַף', אוּן 'כְּנַף' וַוייזְט אוֹיף 'מט"ט'; דָאס זָאגְט רַב אֲשִׁי: 'הַאי זִיז שָׂדַי הוּא' דִי פֵייגֶעלֶע וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזֶען, דִי פֵייגֶעלֶע הֵייסְט 'זִיז', 'מַלְאָךְ מט"ט', וְזֶה בְּחִינַת יִחוּדָא תַּתָּאָה דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי קְלֶענֶערֶע מַדְרֵגָה פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּחִינַת מט"ט, בְּחִינַת מִכְּנַף הָאָרֶץ, שֶׁבּוֹ וָואס אִין דִי קְלֵיינֶע מַדְרֵגָה פוּן יִחוּדָא תַּתָּאָה מִתְלַבֵּשׁ בְּרִית עִלָּאָה פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵגָה פוּן יִחוּדָא עִלָּאָה, וָואס אִיז בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ, וַוייל מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן מִיט דִי קְלֵיינֶע מַדְרֵגָה, יִחוּדָא תַּתָּאָה; וַוייל אִינֶעם מַלְאָךְ מַט"ט, דִי קְלֵיינֶע מַדְרֵגָה פוּן יִחוּדָא תַּתָּאָה, אִין אִים פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט דוּרְךְ אִים, אוּן אַז מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוֹדֶם פָּשׁוּט, עַל פִּי הֲלָכָה, קֶען מֶען שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵגָה פוּן יִחוּדָא עִלָּאָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשֶּׁמֶשׁ וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'זוּן', וַוייל אַזוֹי ווִי דִי זוּן שַׁיינְט אוּן מַאכְט לִיכְטִיג דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס אִיז אָפְּגֶעהִיטְן אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית שַׁיינְט אִים אוּן לַייכְט אִים בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּ תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה.

'שַׁדַּי' - דָאס אִיז דִי שֵׁם פוּן 'שַׁדַּ"י', דָאס אִיז מְרַמֵּז זֶה בְּחִינַת 'יִחוּדָא עִלָּאָה' אוֹיף 'יִחוּדָא עִלָּאָה', כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי דָאס אַרַיינְטַייטְשְׁן אִינֶעם פָּסוּק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה:

**וְזֶה** דֶער רֶבִּי גֵייט זָאגְן מֶער טִיפֶער 'אֲנִי ה'' - דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי שֵׁם הֲוָיָ"ה, וָואס דָאס אִיז דִי הוֹיכֶע מַדְרֵגָה פוּן 'יִחוּדָא עִלָּאָה' אֵיינְצִיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע אוֹיבֶּערְשְׁטֶע וֶועלְטְן, דָאס אִיז דֶער פָּסוּק 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד', 'הוּא שְׁמִי' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף 'יִחוּדָא תַּתָּאָה' דִי קְלֶענֶערֶע מַדְרֵגָה, פוּן מַלְאָךְ מט"ט, וָואס 'שְׁמוֹ כְּשֵׁם רַבּוֹ', אוּן דָאס אִיז דֶער פָּסוּק: 'בָּרוּךְ 'שֵׁם' כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד'; אוּן צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם יִחוּד אִיז דוּרְךְ 'וּכְבוֹדִי לְאַחֵר לֹא אֶתֵּן' מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַוֶועק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס כָּבוֹד פַאר אַנְדֶערֶע, זֶה בְּחִינַת כָּבוֹד בִּשְׁלֵמוּת אַז מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען דִי כָּבוֹד פַאר זִיךְ, דִי כָּבוֹד זָאל גֵיין נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן,

'וּתְהִלָּתִי לַפְּסִילִים' - זֶה בְּחִינַת הַדִּבּוּר, 'וּתְהִלָּתִי לַפְּסִילִים' דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם דִיבּוּר, אַז מֶען שֶׁעדִיגְט נִישְׁט אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט פָּסוּל דֶעם דִיבּוּר דוּרְךְ גַּאֲוָה - וָואס אִיז אַזוֹי וְוִי דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, וָואס עֲבוֹדָה זָרָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן פְּסִילִים, נָאר פַארְקֶערְט, מֶען אִיז הֵיילִיג - אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער דִיבּוּר לַייכְט אוּן שַׁיינְט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמה, כא): 'תְּהִלַּת ה' יְדַבֶּר פִּי' דִי לוֹיבּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רֶעדְט מַיין מוֹיל, הַכֹּל כַּנַּ"ל אַזוֹי וְוִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט:

וּתְהִלָּתִי לַפְּסִילִים — זֶה בְּחִינַת הַדִּבּוּר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "תְּהִלַּת ה' יְדַבֶּר פִּי" — הַכֹּל כַּנַּ"ל:

# מהדורת פריעדמאן

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יוסף הכהן פריעדמאן הי"ו**

**וזוגתו חיה שיינדל**

**וילדיהם**

**אסתר, אהרן, רבקה, מרים, פייגא, נחמן שמעון, דוד, מנחם.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבו לטובה, ויתברך מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים יגן וימליץ בעדו תמיד,

אמן כן יהי רצון.